STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03912

AMERIKANER IDN, DER TSIENIZM, MEDINES YISROEL

P. Novik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. נאָוויק

אַמעריקאַנער אידן דער ציוניזם מדינת ישראל

דער אַריינטריט פונ'ם אַמעריקאַנער
אידישן ישוב אין די 70גער יאָרן

אַרויסגעגעבן פון דער „מאָרגן־פרייהייט"
ניו יאָרק, 1972

פרייז 50 סענט

AMERICAN JEWS, ZIONISM, ISRAEL

by Paul Novick

Published by the MORNING FREIHEIT
35 East 12 St., New York, N.Y. 10003

די אַלע קאַפּיטלעך פֿון דער דאָזיגער בראָשור שטעלן
פֿאָר מיט זיך דעם באַריכט, וואָס פּ. נאָוויק, רעדאַקטאָר
פֿון דער „מאָרגן־פֿרייהייט“, האָט אָפּגעגעבן פֿאַר׳ן
נאַציאָנאַלן „מאָרגן־פֿרייהייט“ צוזאַמענפֿאָר, וואָס איז
פֿאָרגעקומען אין מעקאַלפּין האָטעל, ניו יאָרק, דעם
15טן, 16טן און 17טן אָקטאָבער, 1971.

KNIGHT PRINTING CORPORATION
382 Lafayette Street, New York, N. Y. 10003
96

50 יאָר „מאָרגן־פרייהייט"

די פרייד און דער שטאָלץ!

מיט געפילן פון פרייד, שטאָלץ און יראת־הכבוד פאַרצייכענען מיר, אַז די אָלגין־ווינטשעווסקי צייטונג פייערט איצט איר פופציגסטן יובילײ. פופציג יאָר „מאָרגן־פרייהייט"! אַ האַלבער יאָרהונדערט „מאָרגן־פרייהייט"!

גרויס איז די פרייד און גרויס איז דער שטאָלץ! און גרויס איז דער יראת־הכבוד פאַר די אידישע מאַסן אין אַמעריקע, אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, וועלכע האָבן אין דעם האַלבן יאָרהונדערט געטראָגן די „מאָרגן־פרייהייט" אויף זייערע פּלייצעס און טראָגן זי ווייטער פאָראויס. אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער אידישער פרעסע אין אַמעריקע, און ניט נאָר אידישער, איז אַזאַ פענאָמען ניט געזען געוואָרן! דער „דור וואָס האָט פאַרלאָרן די מורא" האָט קיינמאָל ניט פאַרלאָרן דעם מוט!

איז גרויס דער יראת־הכבוד פאַר דעם דור, און גרויס איז דער יראת־הכבוד פאַר אונזערע פּיאָנערן, בראש מיט אונזער אָלגינ'ען, מיט אונזער ווינטשעווסקי'ן, וועלכע האָבן געהאַט די וויזיע — צוזאַמען מיט נאָך — די „פרייהייט"־„מאָרגן־פרייהייט" צו גרינדן. און אויב די אַלע פּילצאָליגע פּיאָנערן האָבן ניט דערלעבט דעם פריידיגן טאָג, האָבן זיי אָבער פאַר־פלאַנצט, אין די ווערטער פון דיכטער, „אַ הויכן בוים, אַ שטאַרקן בוים", וואָס דורך זיין לעבן לעבט ווייטער זייער נאָמען, לעבט זייער גייסט. גרויס איז דעריבער אונזער אַחריות — פאַר זיי, פאַר זיך און פאַר'ן ברייטן פאָלק, ווייטער דעם בוים צו כאָוועז, ווייטער, פאַראייניגט, צו טראָגן די אָלגין־פאָן, ווי אַ וועגווייזער פאַר די אידישע מאַסן.

נייע צייטן — נייע פּראָבלעמען

אין זיין ערשטן עדיטאָריעל, אין דעם ערשטן נומער „פרייהייט", דעם 2טן אַפּריל, 1922, האָט אָלגין גערעדט וועגן דער ניי־געבוירענער צייטונג ווי וועגן אַ קינד פון נייע צייטן, נייע צייטן — ברענגען נייע פּראָבלעמען. פּראָבלעמען פון נעכטן — טרעטן־אָפּ דאָס אָרט פאַר היינטיגע פּראָבלעמען; איין טאַקטיק פאַרבייט די אַנדערע. אַזאַ איז די דיאַלעקטיק פון דער גע־שיכטע, נאָר ניט ווערן פאַרגליווערט, נאָר זיין אין גייסט פון דער צייט!

זאָל דערלויבט זיין צו ברענגען דאָ אַ ציטאַטע פון דער העראָאישער שפּאַנישער רעוואָלוציאָנערער קעמפערין, דאָלאָרעס איבאַרורי („לאַ פּאַס־יאָנאַריאַ"), פון איר רעדע אויף דעם 24טן קאָנגרעס פון דער סאָוועטישער

קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אין מערץ פון היינטיגן יאָר. אין דער רעדע האָט זי אַרויסגערוקט די פאָלגענדיגע וויכטיגע פאָרמול:

„די באַרימטע לענינשע אַקסיאָמע, אַז אַ קאָנקרעטער אַנאַליז פון אַ קאָנקרעטער סיטואַציע איז די לעבעדיגע נשמה פון מאַרקסיזם — דאָס איז דאָס סאַמע וועזנטלעכע ביים אויסאַרבעטן אַ פּאָליטיק".

אינ'ם האַלבן יאָרהונדערט, וואָס איז אַוועק זינט יענעם אָלגין־עדיטאָריעל, איז די „מאָרגן־פרייהייט" אַלעמאָל געגאַנגען אין די פוסטריט פון דער צייט, געווען פאַרוויקלט אין די געראַנגלען פון דער צייט — ממש אָן אַ צאָל. ניי, רעכן־אויס די אַרבעטער־קאַמפן פון די צוואַנציגער יאָרן, די סטרייקס פון די קלאָוקמאַכער, דרעסמאַכער, פּאַריער און אַנדערע, דעם „דזשאָינט עקשאַן" קאַמף, אינדוסטריעלע יוניאָן, קאַמף צו פאַרטיידיגן די ניי־געשאַפענע סאָוועטישע אַרבעטער־רעפּובליק. ניי, רעכן־אויס די געשעעניש אין די ברויזנדיגע דרייסיגער יאָרן — די קאַמפן פאַר סאָציאַלער און אַרבעטלאָזיגקייט פאַרזיכערונג, די ברויט־סטרייקס, דאָס געבורט פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן, „נאָ פּאַסאַראַן" אין שפּאַניע, אַלוועלטלעכער אידישער קולטור־קאָנגרעס, קאַמף געגן פּאָגראָמען אין פּילסודסקי־פּוילן, געגן היטלעריזם, פאַר קאָלעקטיווער אַקציע, געגן מינכען־אָפּמאַך. עס זיינען געקומען די גורל'האַפטע יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, די באַטיילי־גונג פון אונזער אַמעריקע, די רעטנדיגע ראָל פון דער רויטער אַרמיי, דער אידישער חורבן און די אויסראָטונג פון אַ דריטל פון אונזער פאָלק, דער זיג איבער'ן היטלעריזם און דאָס געבורט פון מדינת ישראל, — און דערנאָך די קאַלטע מלחמה, אַנטי־קאָמוניזם, דער מעקאַרטיזם, די פאַרניכטונג פון'ם אָרדן, רויט־העצעריי און סמיט־אַקט אַרעסטן, צוואַנציגסטער קאָנגרעס, אייזענהאַוער, קענעדי און דזשאָנסאָן, אויפברויזן אין די נעגערשע געטאָס, וויעטנאַם־מלחמה, אויפשוואונג פון דער שלום־באַוועגונג, זעקס־טאָגיגע מלחמה, קאַמף פאַר ישראל־אַראַבישן שלום, קאַמף געגן ניקסאָן־אָנגריף אויפ'ן אַרבעטער־פאָלק, געגן דער ניקסאָן־רעאַקציע, געגן ראַסיזם. דאָס זיינען נאָר הויכפּונקטן — ווייט־ווייט ניט אַלע — פון אַ פאַרכאַפּנדיגער פּאַנאָראַמע פון אַ האַלבן יאָרהונדערט געראַנגלען. און אַלעמאָל האָט די „מאָרגן־פרייהייט" געאָטעמט מיט די קאַמפן פון די אַמעריקאַנער מאַסן, אידישע פאָלקס־מאַסן צווישן זיי; געזוכט ווי ווייט מעגלעך צו זיין אַ וועגווייזער, האַבנדיג הינטער זיך דערפאַרונגען פון יאָרן.

„שהחינו", מיר האָבן דערלעבט

די „מאָרגן־פרייהייט" איז אַן אַמעריקאַנער אידישע צייטונג, מיט'ן טראַפּ קודם כל אויף אַמעריקע און אויפ'ן היגן אידישן ישוב. אָבער איר גייט־אָן די אינטערנאַציאָנאַלע אַרענע און דאָס אידישע לעבן אומעטום. איר גייט־אָן די זיכערקייט פון מדינת ישראל, אין פריינטשאַפט מיט די אַראַבישע שכנים. די „מאָרגן־פרייהייט" איז אַן אומאָפּהענגיגע לינק־פּראָגרעסיווע, אידישע אַרבעטער און פאָלקס־צייטונג, געווידמעט די אַרבעטער־

אינטערעסן, דעם קאַמף פאַר אַ בעסער לעבן פאַר'ן פאָלק, אַ לעבן פון סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן יושר, וואָס איז מעגלעך נאָר אין אַ יושר'דיגער געזעלשאַפט, די געזעלשאַפט פון סאָציאַליזם. אָט דעם דאָזיגן ענדגילטיגן ציל און די אַלע צילן פאַר באַלדיגע פאַרבעסערונגען, האָט זיך די „מאָרגן־פרייהייט" געווידמעט ביי איר געבורט מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק. מיט די אַלע ניואַנסן און ענדערונגען פון דער צייט, שטייט זי פעסט אויפ'ן באָדן פון די פרינציפן, אויף וועלכע זי האָט זיך געגרינדעט. און זי איז דאָ, די „מאָרגן־פרייהייט", שוין באַלד 50 יאָר! און טויזנטער אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, איר אַלע בתוכם, האַלטן זי הויך, ווי אַ געטרייע פאָן! איז גרויס די פרייד און גרויס דער שטאָלץ און פון פולן האַרצן זאָגן מיר: „שהחינו", מיר האָבן דערלעבט!

אַמעריקע אין די 70גער יאָרן

די ראָל פון דער פּרעסע

אַמעריקע איז אַרויס פון די 60גער יאָרן, — „די אומרואיִגע 60גער", קאָן מען זיי אָנרופן — און איז אַריין אין די 70גער יאָרן, וועלכע קאָנען מעגלעך באַצייכנט ווערן ווי „די אַנטשיידנדיגע 70גער". אין יעדן פאַל, אַ ריי זאַכן וועלן דאַרפן אַנטשיידט ווערן אין דעם איצטיגן און אין דעם אָנקומענדיגן פּעריאָד. און אָט־דאָ רוקט זיך אַרויס די גרויסע ראָל פון דער פּרעסע.

די אַנטוויקלונגען אַרום די אויפגעדעקטע „פּענטאַגאָן־פּאַפּירן", דער פּאַרמעסט פון דער ניקסאָן־אַדמיניסטראַציע צו דערשטיקן אַפילו אַ ריי קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען, פאַר זייערע פּאַרזוכן וויפל ניט איז אויפצודעקן דעם אמת וועגן דער וויעטנאַם־מלחמה, האָט די דאָזיגע ראָל פון דער פּרעסע שאַרף אונטערגעשטראָכן. עס איז, פאַרשטייט זיך, קלאָר, אַז די פּרעסע פון׳ם פאָלק און פאַר׳ן פאָלק, ווי פאָרגעשטעלט דורך דער „מאָרגן־פרייהייט", איז פון אַנטשיידנדיגער לעבנס־וויכטיגער באַדייטונג, — אַנטשיידענדיג ממש אין פראַגן פון לעבן און טויט! עס וועט דעריבער וויכטיג זיין אָנצוּוואַרפן דאָ אַ ריי שטריכן פון די הויפּט־פּראָבלעמען, פאַר וועלכע די אַמעריקאַנער פאָלקס־מאַסן, איינגעשלאָסן די אידישע, געפינען זיך. און צוזאַמען דערמיט, ווי אַן אָרגאַניש־פאַרבונדענער טייל, אַ ריי שטריכן פון די הויפּט־פּראָבלעמען, פאַר וועלכע דאָס אידישע פאָלק געפינט זיך.

איך זאָג: אַ ריי שטריכן. איך וואָלט שטאַרק געוואָלט מען זאָל דאָס האָבן אין זינען. עס איז אין די ראַמען פון דעם באַריכט ניט מעגלעך פאַר מיר אַריינצוגיין אין יעדער איינציגער פּראָבלעם, ווי וויכטיג זי זאָל ניט זיין, אַזוי אויספירלעך, ווי דאָס וואָלט זיך געפאָדערט. דער עיקר איז וואָס די דאָזיגע שטריכן צייכענען־אָן די פּראָגראַם, וועלכע דינט ווי אַ ריכטשנור פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט" אין איר טאָג־טעגלעכער באַלייכטונג פון די אַלע פּראָבלעמען.

קאַמף געגן דער מלחמה

עס איז קלאָר, אַז אויפ׳ן ערשטן אָרט רוקט זיך אַרויס די מלחמה אין אינדאָ־כינע. און כאָטש עס איז דערביי אויך קלאָר, אַז די פּראָבלעם פון דער מלחמה איז ענג פאַרבונדן מיט אַנדערע פּראָבלעמען, וואָס שטאַמען פון איר, אָדער וואָס האָבן די מלחמה גופא גורם געווען, איז אָבער קיין ספק ניט, אַז דער קאַמף צו פאַרענדיגן די מלחמה שטייט כסדר שטאַרק אויף דער טאָג־אָרדענונג, ווי ער איז געשטאַנען אין משך פון יאָרן, באַזונדער די לעצטע פינף־זעקס יאָר. אין דעם דאָזיגן קאַמף האָבן די אַמעריקאַנער מאַסן — די אידישע צווישן זיי — פאַרצייכנט מאָמענטן און דערגרייכונגען פון

היסטאָרישן באַדייט. די יוגנט בכלל און די סטודענטשאַפט בפרט האָט דאָ געשפּילט און שפּילט גאָר אַ גרויסע ראָל, ברענגענדיק קרבנות, העלפנדיג אַרויסהויבן דעם קאַמף פאַר שלום ווי אַ היסטאָרישן נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן פענאָמען. ניט געקוקט אָבער אויף די אַלע לאַנגיאָריגע קאַמפן און פּילפּאַכע דערגרייכונגען, איז די מלחמה אַלץ ניט פאַרענדיגט.

די קאַמפן פאַר שלום האָבן אַרויסגעיאָגט דזשאָנסאָנ'ען פון ווייסן הויז. אָבער די פּאָליטישע סיטואַציע, אין וועלכער אַמעריקע געפינט זיך, די צוויי־פּאַרטיי סיסטעם האָט געבראַכט אין ווייסן הויז אַריין איינעם פון די סופּער־דעמאַגאָגן פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, ריטשאַרד ניקסאָן, וועלכער האָט געפירט זיין וואַל־קאַמפּאַניע אין האַרבסט 1968 אונטער'ן לאָזונג פון פאַר־ענדיגן די מלחמה און — האָט זי, זינט ער איז אַריין אין ווייסן הויז אין יאַנואַר 1969, בסדר פאַרגרעסערט, אויסגעברייטערט אויף קאַמבאָדיע און לאַאָס, און אונטער אַ פּראָגראַם פון „וויעטנאַמיזאַציע", פון אויפהאַלטן אַ מיליאָניגע אַרמיי פון אַ קליקע אין סאַיגאָן, אַ פּופּן־רעגירונג פון וואַשינגטאָן, ווערט געפּלאַנעוועט פאַרצווזעצן די מלחמה אויף יאָרן. ניקסאָן קאָנצענטרירט זיך אויף אַרויסציען צוביסלעך אַמעריקאַנער טרופּן און דערביי פאַרוואַנדלען דעם אַמעריקאַנער לופט־פלאָט ווי אַ שלאַכט־אָרעם פון דער סאַיגאָנער אַרמיי.

ניקסאָן מוז צוריקציען גרויסע טיילן פון דער אַרמיי, סיי ווייל די איבערוועגנדיגע מערהייט פון פאָלק איז געגן דער מלחמה און סיי ווייל די אַרמיי גופא וויל זיך ניט שלאָגן. ווערט דעריבער די מלחמה מצד אַמעריקע דער עיקר געפירט דורך באָמבאַרדירונגען פון דער לופט, אַלץ מיט דער האָפענונג, אַז מ'וועט נאָך ווי עס איז אַרויס מיט אַ וועלכן עס איז זיג איבער'ן פאָלק פוןביידע וויעטנאַמס, פון לאַאָס און קאַמבאָדיע, דורך אויפהאַלטן אין סאַיגאָן די פּופּן־רעגירונג פון „פּרעזידענט" טיו, וועמען וואַשינגטאָן האָט איצט געהאָלפן „דערוויילן" אין „וואַלן", וואָס זיינען געווען אַ פאַרס און אַ טראַגעדיע. אָבער די שפּיל קאָן ניט און טאָר ניט זיך איינגעבן!

עס טאָר ניט אָפּגעשוואַכט ווערן — עס מוז פאַרשטאַרקט ווערן בסדר — דער קאַמף פאַר באמת אַרויסגיין פון דער מלחמה, צוריקציען אַלע טרופּן, אַלע באַוואָפנטע קרעפטן; פאַר אויפגעבן די „וויעטנאַמיזאַציע" פּראָגראַם, מלחמה איז מלחמה — דורך וועמען זי זאָל ניט געפירט ווערן! וואַשינגטאָן מוז ענטפערן אויף דער פּראָגראַם פון זיבן פּונקטן וואָס דער וויעטקאָנג האָט אַרויסגערוקט אין פּאַריז. עס מוז אויפהערן דער חורבן פון די פעלקער אין אינדאָ־כינע. אַמעריקע מוז העלפן אויפבויען די לענדער, וואָס אירע אַרמייען האָבן חרוב געמאַכט.

דער שונא איז דער אימפּעריאַליזם

עס דאַרף באַגריפן ווערן, אַז די מלחמה אין אינדאָ־כינע איז געווען און איז נאָר אַ טייל פון אַ גלאָבאַלער פּראָגראַם פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, אַ פּראָגראַם, וואָס האָט געשאַפן די קאַלטע מלחמה, באַלד נאָכדעם ווי די צווייטע וועלט־מלחמה איז פאַרענדיגט געוואָרן, האָט געבראַכט אומגעהויערע מיליטערישע בודזשעטן און האָט אַרויסגעהויבן די ראָל פון

דעם, וואָס אַפֿילו אייזענהאַוער האָט געהאַט אָנגערופֿן: דער „מיליטעריש־אינדוסטריעלער קאָמפּלעקס".

אין אַ ברייטערער רעצענזיע פֿון ראָנאַלד סטיל, אין דעם צווייוועכנטלעכן „ניו יאָרק רעוויו אָוו בוקס" פֿון 2טן סעפּטעמבער (1971), איבער אַ גאַנצער ריי ביכער וועגן דער קאַלטער מלחמה, ווי אויך אין זיינער אַ רעצענזיע אין דער „ניו יאָרק טאַימס" פֿון 26טן סעפּטעמבער (1971) איבער׳ן בוך „טאָנקין גאָלף", פֿון יודזשין ווינדזשי און „דהי פּרעזידענט׳ס וואָר", פֿון ענטאָני אָסטין, ווערט אָנגעוויזן — אַפֿילו אין די אויסגאַבן — אַז די מלחמה אין אינדאָ־כינע איז געווען אַ טייל פֿון דער סכעמע פֿון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. אין וואַשינגטאָן איז מען געווען זיכער, אַז מיט דער הילף פֿון דער גוואַלטיגער מיליטערישער טעכניק און גוואַלטיגע רעסורסן פֿון דעם רייכסטן לאַנד אין דער וועלט, וועט מען שטעלן אויף די קני די קליינע, אָרימע פֿעלקער פֿון אינדאָ־כינע. דעמאָלט וועט מען קאָנען דיקטירן דער גאַנצער וועלט דעם „פּאַקס אַמעריקאַנאַ", דעם אַמעריקאַנישן, ריכטיגער — וואַשינגטאָנער, נוסח פֿון שלום אויף דער וועלט. דאָס וואָלט געוואָרן גילטיג אויך אויף אייראָפּע, לאַטיין־אַמעריקע, אַזיע — אומעטום זאָל זיין דער דיקטאַט פֿון וואַשינגטאָן!

מען ווערט ממש דערשיטערט, ווען מען באַקענט זיך, כאָטש דורך אַן איבערזיכט אין דער „ניו יאָרק טאַימס", מיט די אַלע שווינדלערייען, וואָס די דזשאַנסאָן אַדמיניסטראַציע האָט אָנגעווענדט אין דעם ענין טאָנקין גאָלף, כדי אַרויסצוקריגן פֿון סענאַט אַ בלאַנקן וועקסל, וואָס האָט געדינט ווי אַ לעגאַלער תירוץ פֿאַר דער מלחמה. די „פּענטאַגאָן־פּאַפּירן" — כאָטש דאָס, וואָס איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן — האָבן אַ סך דערציילט. און מען מוז זיך אָנהויבן פֿרעגן, ווער ס׳איז דאָ געווען דער גרעסערער פֿאַרברעכער — יאָ, אַ פֿאַרברעכער געגן די נירענבערגער איינשטעלונגען — צי דזשאַנסאָן און די אַלע אָנפֿירער פֿון פּענטאַגאָן, אָדער דער נידערטרעכטיגער טיפּ, לייטענאַנט קעלי, אַ מין אַמעריקאַנער אייכמאַן, וועלכער האָט פֿאַרטיידיגט זיין שחיטה פֿון פּיצלעך קינדער אין מילאַי, מיט׳ן תירוץ אַז ער האָט געהאַט „אָרדערס פֿון אויבן". די דאָזיגע נידערטרעכטיגע באַשעפֿעניש האָט פֿאַרדינט צו קריגן די שטראָף, וואָס אַדאָלף אייכמאַן האָט געקראָגן אין ירושלים, — און ער וואָלט אָן אַ שום ספֿק זי געקראָגן, ווען ער וואָלט געמשפּט געוואָרן פֿונ׳ם באַפֿרייטן פֿאָלק אין וויעטנאַם. אָבער זיי אַלע, פֿון אויבן ביז אַרונטער, זיינען די באַשעפֿענישן פֿון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, פֿון דער הערשאַפֿט פֿון די ריזיגע קאָרפּאָרעישאָנס, ווידעראַמאָל — פֿון מיליטעריש־אינדוסטריעלן קאָמפּלעקס. אָט־דאָס איז דער הויפּט־שולדיגער אין מילאַי און אין די אַנדערע שחיטות אין אינדאָ־כינע. עס איז ניט קיין וואונדער וואָס קאַפּיטאַן מעדינאַ און אַנדערע מילאַי־„העלדן" זיינען באַפֿרייט געוואָרן און וואָס ניקסאָן האָט זיך געאיילט איינצושטעלן זיך פֿאַר׳ן נפֿש קעלי, בשעת דר. דעניעל עלסבערג איז אָנגעקלאָגט געוואָרן פֿאַר זיין ראָל בנוגע די „פּענטאַגאָן־פּאַפּירן".

דער חורבן פון אַמעריקע

דער נאָבל־פּריז געווינער אַלבערט שענט גיאָרגי האָט אין אַן אַרטיקל אין דער „ניו יאָרק טאַימס" פון 26טן סעפּטעמבער (1971) געגעבן אַ שניידנ־דיג־טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיק פון דער איצטיגער לאַגע אין אַמעריקע. דער דאָזיגער וויסנשאַפטלער, וועלכער האָט געהאַט פּערזענלעכע דערפאַרונ־גען מיט׳ן היטלעריזם, האָט קודם דערמאָנט דייטשלאַנד, וואו אַלע פריערדיגע מאָסן — ווי ער זאָגט — פון מאָראַל, עטיק, אינטעלעקטועלע סטאַנדאַרטן, זיינען פאַרקריפּלט געוואָרן, און די אַזוי־גערופענע קולטורעלע דייטשן זיינען געוואָרן אַ פאָלק פון מערדער, פון אַראָגאַנטע אימפּעריאַליסטן. און אַט איז אַמעריקע, זאָגט ער, אַ לאַנד וואו אַלע זיינען, הייסט עס, געבאָרן גלייך, מיט אומאָפּנעמבאַרע רעכט אויף גליק — אַט־די אַמעריקע איז אַוועק ערגיץ אויף צען טויזנט מייל ווייט, האָט אויסגעגעבן אוצרות אויף אַ פאַרברעכערי־שער מלחמה, האָט חרוב געמאַכט מיט איר העכערער טעכניק אַ שוואַך־אַנטוויקלט לאַנד, וואָס האָט אונז ניט געטשעפּעט. און דערביי האָבן מיר, דאָס רייכסטע לאַנד אין דער וועלט, שלום געמאַכט מיט אינפלאַציע, פאַר־ברעכנס, אַרבעטלאָזיגקייט, אָרימקייט און אפילו הונגער, מיט געטאָס, סלאָמס, דראָגס, און אַז. וו.

יאָ, ריכטיג. צוזאַמען מיט׳ן חורבן אין אינדאָ־כינע איז געקומען דער חורבן אין אַמעריקע גופא. דער קאַמף געגן דער מלחמה אין אינדאָ־כינע איז אין דער זעלביגער צייט אַ קאַמף געגן די איבלען דאָ אין לאַנד.

די „מאָרגן־פרייהייט" איז די צייטונג פון שלום. זי איז דאָס קול פון שלום אויף דער אידישער גאַס. אין אַלע מיינע באַריכטן צו צוזאַמענפאָרן, זינט 1957, און נאָך פריער — און מיר וועט שפּעטער אויסקומען צו פאַר־רופן זיך אויף די באַריכטן — איז דער קאַמף פאַר שלום אַרויסגערוקט גע־וואָרן סאַמע אויבנאָן. אָבער עס דאַרף קלאָר זיין, אַז דער דאָזיגער קאַמף מוז איצט גיין האַנט־אין־האַנט מיט׳ן קאַמף אויפצוריכטן די חרוב׳ע שטעט אין אַמעריקע, אָפּראַמען די סלאָמס, די געטאָס, מאַכן אַ סוף צו הונגער אין אַמעריקע, רעהאַביליטירן אַמעריקע. לויטן לאָזונג פונ׳ם דיכטער לענגסטאָן היוז: „לעט אַמעריקאַ בי אַמעריקאַ עגעין", זאָל אַמעריקע ווידעראַמאָל זיין אַמעריקע!

ניקסאָנ׳ס אָנגריף אויפ׳ן אַמעריקאַנער פאָלק

איי. עף. סטאָון ברענגט אין זיין בולעטין פון 20טן סעפּטעמבער (1971) אַ באַריכט, וועלכן ער רופט אָן: „די שמוציגע וועש פון אַמעריקאַנער קאַ־פּיטאַליזם", — אַ באַריכט וואָס אַן אַנטי־טראָסט קאָמיסיע פון סענאַט האָט אַרויסגעגעבן, אָבער וואָס איז דערשטיקט געוואָרן אין דער אַלגעמיינער פּרעסע, אויך אין דער „טאַימס". דער באַריכט שילדערט אַ גוואַלדיגן וואוקס פון דער קאָנצענטראַציע פון דער מאַכט פון די קאָרפּאָרײשאַנס אין לאַנד. 100 גרעסטע פאַבריק־פירמעס קאָנטראָלירן אַרום אַ העלפט פון אַלע פאַר־מעגנס פון אַלע פאַבריקן. מיט צוואַנציג יאָר צוריק איז די צאָל געווען 200 פאַבריק־פירמעס — שלעכט גענוג, אָבער איצט איז די קאָנצענטראַציע

פארטאפלט געווארן. דאס באדייט, זאגט סטאון, מער דאמינירונג און מער קאָרופּציע. דאס באדייט — פעאדאלע אימפעריעס אין אמעריקע גופא, וואס באווארענען זיך געגן קאנקורענץ, כדי צו מאניפולירן מיט די פרייזן. די גרעסטע פון די קארפאראישאנס־קאנגלאמעראטן, זאגט סטאון, זיינען פארבונדן מיט׳ן פענטאגאן.

דא האט איר די ווייסטע קראפט פאר מלחמה אויף אנדערע פעלקער און אויפ׳ן אמעריקאנער פאלק. דא האט איר די סיבה פאר אינפלאציע וואס בארויבט דאס פאלק און באררייכערט די רייכע. כאטש די קויף־קראפט פון די מאסן פאלט, פאלן ניט די פרייזן, זיי שטייגן גאר. דער פעריאד פון קאפיטאליסטישער „פרייער קאנקורענץ״ איז אוועק. און אט־דא זעט איר וועמעס שליחות ניקסאן האט דורכגעפירט מיט זיין דעקרעט פון 15טן אויגוסט (1971) וועגן פארפרירן דעם ארבעט־לוין.

דאס איז געווען און פארבליבן א האלד־אפ אויפן ארבעטער־פאלק, אויף די ארימע, און באזונדער אויף די שווארצע, פארטא־ריקאנער, טשיקאנאס און אנדערע מינדערהייטן, אויף די אן ערך צוואנציק מיליאן עלטערע מענטשן אין לאנד, וואס כמעט אלע לעבן זיי אויף א פיקסירטער הכנסה. עס זיינען ניט פארפרארן געווארן קיין פראפיטן, קיין פראצענט־ראטעס, ס׳איז ניט פארפרארן געווארן די ארבעט־פראדוקטיווקייט, וואס שטייגט כסדר און וואס ביי א פארפרארענעם ארבעט־לוין באדייט עס — נאך פראפיטן פאר די מאגנאטן. ספעציעל נאך, ווען אלע רייד וועגן פרייז־קאנטראל זיינען שווינדל — די פרייזן וואקסן כסדר. דאס מיינט ווייטערדיגע פראפיטן פאר די מאגנאטן, וועלכע האבן אויך געקראגן ביליאנען אין שטייער־פריווילעגיעס, כלומר׳שט כדי צו העלפן הויבן די פראדוקציע.

די ניקסאן־דעמאגאגיע האט אין דעם דעקרעט פון 15טן אויגוסט דערגרייכט נייע הויכן, אדער טיפענישן. ניקסאן האט גערעדט וועגן א „נייער פראספעריטי, אן קריג און אן אינפלאציע״. ער האט גערעדט וועגן נייע דזשאבס. אין אמת׳ן איז עס — פאר׳ן פאלק — ניט קיין פראספעריטי, מיט מלחמה, מיט אינפלאציע, מיט ארבעטלאזיגקייט, פינף מיליאן ארבעטלאזע, לויט אפיציעלע ציפערן — פאקטיש פיל מער, שוין ניט גערעדט פון די טיילווייז־ארבעטלאזע.

ראל פון דער יוניאן־פירערשאפט

אפילו דזשארדזש מיני, הויפט פון דער א. פ. או. ל.־סי־איי־א, האט דעם 4טן אקטאבער דערקלערט, אז ניקסאן פארדינט ניט קיין צוטרוי. דאס איז דער זעלביגער מיני, וועלכער האט דעם זעלביגן ניקסאן אזוי שטארק געלויבט אויף א סעודה אין ווייסן הויז, אין לעיבאר דעי 1970. דאס איז דער זעלביגער מיני, וועלכער שטיצט די מלחמה אין אינדא־כינע, דער זעלביגער, וועלכער איז אזוי איינגעטונקען אין דעם אנטי־קאמוניזם, לויט דער ליניע פון זיין אויסערן־מיניסטער דזשעי לאווסטאון; אנטי־קאמוניזם — איינער פון די הויפט־אינסטרומענטן פון אמעריקאנער אימפעריאליזם,

סיי פאַר דרויסנדיגע מלחמות, און סיי פאַר אטאַקעס אויפ'ן פאָלק גופא, קודם כל אויפ'ן ארבעטער קלאַס.

די „מאָרגן־פרייהייט", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן ווי אַן ארבעטער־צייטונג און איז עד היום אזא, קעמפנדיג כסדר פאַר ארבעטער־אינטערעסן, הערט ניט אויף אָנצואווייזן אויף דער שעדלעכער ראָל פון דער מיני־פירערשאַפט און רוקט כסדר ארויס די ראָל פון יענע יוניאָן־פירער, וואָס קעמפן געגן דער מלחמה אין אינדאָ־כינע, קעמפן געגן דער ניקסאָן־אדמיניסטראַציע. זי זוכט כסדר ארויסצוהייבן די קאַמפן פון די מיטגלידער. דער איצטיגער מאָמענט שטרייכט־אונטער די דאָזיגע גוואַלדיג־וויכטיגע ראָל פון דער „מאָרגן־פרייהייט".

די „מאָרגן־פרייהייט" איז די צייטונג פון דער רענק־און־פאַיל אין די יוניאָנס, זינט זי איז געבאָרן געוואָרן. זי שטיצט פירער, וועלכע פאַרטיידיגן די אינטערעסן פון די ארבעטער; באַקעמפט יוניאָן־ביוראָקראַטן, וואָס טרעטן מיט די פיס די ארבעטער־אינטערעסן. אין די נאָדל־פאַך יוניאָנס, וועלכע זיינען אמאָל געווען די באַזע פון די אידישע ארבעטער, זוכט די „מאָרגן־פרייהייט" צו האַלטן לעבעדיג די הערלעכע קאַמף־טראַדיציעס פון די דאָזיגע יוניאָנס. אַלע מיטגלידער, אָן אונטערשייד פון ריכטונג, — אויך רעכטע מיטגלידער — האָבן אין דער „מאָרגן־פרייהייט" אַ באַשיצער פון זייערע אינטערעסן. מיט טיפן ווייטאָג שטרייכן מיר אונטער, אַז די אידישע טרעיד־יוניאָן פירער, וואָס געפינען זיך בראש פון די נאָדל־יוניאָנס, ספּעציעל די פירער פון דער „אינטערנעשאָנאַל לעידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן", שטייען אין דעם לאַגער פון דזשאָרדזש מיני. די „מאָרגן־פרייהייט" הערט ניט אויף און וועט ניט אויפהערן צו רופן די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאָנאַל צו זען, אַז די יוניאָן זאָל זיך אומקערן צו אירע פּראָגרעסיווע טראַדיציעס. די „מאָרגן־פרייהייט" הויבט ארויס יעדע פּאָזיטיווע ראָל פון פירער פון דער שניידער־ארבעטער יוניאָן, די „אמאַלגאַמעיטעד קלאָדהינג וואָירקערס" און די אנדערע קליידער־יוניאָנס, ווי פון יוניאָנס אין אנדערע פאַכן, אויפ'ן געביט פון געגנערשאַפט צו דער וויעטנאַם־מלחמה און פּראָגרעסיווע שטעלונגען אויף אנדערע געביטן, ניט אָפּזאָגנדיג זיך פון קאָנסטרוקטיווער קריטיק, ווען דאָס איז נויטיג.

קאַמף געגן ראַסיזם

דעם 23טן סעפּטעמבער (1971) איז אין דער „ניו יאָרק פּאָוסט" פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ באַריכט פון אַ קאָמיסיע פון דרייצן, בראש מיט סענאַטאָר פרעד הערים פון אָקלאַהאָמאַ און מעיאָר דזשאָן לינדזי פון ניו יאָרק, — אַ באַריכט פון אַ פאָרשונג לויט דער איניציאַטיווע פון דער „נעשאָנאַל אורבען קאָאַלישאָן". ווערט אין דעם באַריכט געזאָגט, אַז אין די דריי און אַ האַלב יאָר, וואָס זיינען אַוועק זינט עס איז ארויסגעגעבן געוואָרן דער באַריכט פון דער אַזוי־גערופענער קוירנער־קאָמיסיע, וואָס פּרעזידענט דזשאָנסאָן האָט געהאַט באַשטימט וועגן די אומרוען אין די געטאָס, האָט זיך גאָרניט געביטן. טיילווייז איז געוואָרן נאָך ערגער. דער

צושטאַנד פון וואוינונגען, זאָגט דער באַריכט, איז אַ „נאַציאָנאַלער סקאַנדאַל”. די ראַטע פון אַרבעטלאָזיגקייט, קראַנקהייטן און דראָגס אין די געטאָס איז העכער. די באַציאונג פון דער פּאָליציי צו די מינדערהייטן איז פּונקט אַזוי ברוטאַל.

עס דאַרף דאָ אונטערשטראָכן ווערן, אַז דער קוירנער־באַריכט האָט נאָך דעמאָלט, ווען ער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, אין מערץ, 1968, דערקלערט, אַז אַמעריקע ווערט צעשפּאָלטן אויף אַ ראַסיסטישן שטייגער, ווייסע און שוואַרצע — סעפּעראַטע און אומגלייכע. די „מאָרגן־פרייהייט” האָט דעם קוירנער־באַריכט שאַרף אַרויסגעהויבן דעמאָלט, און אַזוי כּסדר אין איר אויסגעהאַלטענעם, אומאויפהערלעכן קאַמף קעגן ראַסיזם אין משך פון יאָרן.

ספּעציעלע נומערן זיינען געווידמעט געוואָרן דעם קאַמף. אַ ספּעציעלע בראָשור איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1965, נאָך די געשעענישן אין וואַטס, לאָס אַנדזשעלעס. כּסדר, אָן אויפהער, האָבן מיר גערופן — און רופן — אויפצוהאַלטן די קאַמף־שותּפות צווישן אידן און נעגער. כּסדר, אָן אויפהער, האָבן מיר אָנגעוויזן און ווייזן אָן, אַז דער קאַמף קעגן ראַסיזם, לטובת די שוואַרצע, טשיקאַנאָס, פּאָרטאָ־ריקאַנער, אינדיאַנער און אַנדערע מינדערהייטן, איז ענג פאַרבונדן מיט׳ן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם; אַז עס קאָן ניט זיין קיין אמת׳ע אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע פאַר אַלעמען, אָן פולע רעכט און אַבסאָלוטע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, און קולטורעלע גלייכהייט פאַר שוואַרצע און אַנדערע מינאָריטעטן. דאָס איז געווען און פאַרבליבן אונזער פעסטע, אויסגעהאַלטענע שטעלונג, אַלע מאָל, אָן וועלכער עס איז אַפּשוואַכונג אין ווען עס איז מאָמענטן!

אין דער לעצטער צייט, ספּעציעל אין איצטיגן מאָמענט, רוקט זיך אַרויס דער קאַמף קעגן ראַסיזם נאָך שטאַרקער. עס איז אָנגעוויזן געוואָרן, אויך פון סענאַטאָר קענעדי און אַנדערע, אַז די מלחמה אין אינדאָ־כינע גופא איז אַ ראַסיסטישע, קעגן קאָלירטע פעלקער, און אַז די אָנפירונג פון דער מלחמה איז אַ ראַסיסטישע — וואָס אַנדערש האָט עס, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט זיין. עס דאַרף איצט ספּעציעל אונטערגעשטראָכן ווערן דער קאַמף קעגן ראַסיזם — אין דעם ליכט פון ניקסאָנ׳ס האַלד־אָפּ אויף די פּאָלקסמאַסן, פון וועלכן די שוואַרצע און אַנדערע מינדערהייטן וועלן ליידן מער פון אַלעמען, אין דעם ליכט פון דער גרוילהאַפטער שחיטה אין דער אַטיקאַטורמע לעבן באָפּאַלאָ.

אַנדזשעלאַ דעיוויס

אין דעם דאָזיגן קאַמף קעגן ראַסיזם, קעגן דעם מערדערלעכן טורמערעזשים, הויבט זיך אַרויס דער קאַמף פאַר באַלד אַרויסלאָזן אויף בעיל אַנדזשעלאַ דעיוויס און דער קאַמף פאַר איר פולער באַפרייאונג.

אין די אַרטיקלען, נייעסן, עדיטאָריעלס, פּאָעמעס, וואָס די „מאָרגן־פרייהייט” האָט געדרוקט אויף דער טעמע אַנדזשעלאַ דעיוויס — ניט נאָר זינט יאַנואַר היינטיגן יאָר, ווי דאָס איז געווען צו זען פון דעם פּאַטאַ־

מאַנטאַזש אין דעם ראש־השנה נומער „מ. פ." פון 19טן סעפּטעמבער (1971), **נאָר אויך לעצטן יאָר** — אין אַלע מאַטעריאַלן, אין מיין רעדע אין טאַון האָל צום 49טן יובילײ פון דער „מאָרגן־פרײַהייט" דעם 4טן אַפּריל (1971), איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז דער קאַמף פאַר אַנדזשעלאַ דעיוויס איז ניט סתם אַ קאַמף פאַר אַ יחיד, וואָס איז אַ קרבן פון ראַסיזם, פון אַנטי־קאָמוניזם, נאָר אַז דאָ האַנדלט זיך אויך וועגן אַ סימבאָל פון קאַמף פאַר די שוואַרצע בכלל, קאַמף פאַר אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע אין אַמעריקע. דער פאַקט וואָס שוואַרצע, ברוינע און בכלל אָרימע, מאַכן אויס אַזאַ גרויסע פּראָפּאָרציע אין די טורמעס פון לאַנד, איז אַן אויסדרוק פון דער פּאָליטישער סיסטעם פון אומגלייכקייט און אומגערעכטיגקייט. אָט־דאָס איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן אין דעם באמת־הערלעכן קאַמף וואָס די „מאָרגן־פרײַהייט" האָט געפירט אין דעם ענין אַטיקאַ.

פּאָלקס־אייניגקייט און דימיטראָוו׳ס אָנווייזונג

אין אַ פילפאַכן גראַנגל זיינען איצט די אַמעריקאַנער מאַסן פאַרוויקלט — און די אידישע מאַסן צווישן זיי. דאָס איז אַ קאַמף געגן דער ניקסאָן־עגניו־מיטשעל רעאַקציע, וואָס טוט די אַרבעט פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם און מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל. אין דעם דאָזיגן קאַמף פאַר לעבן, פאַר דער אמת׳ער אַמעריקע און אירע פרײַהייט־טראַדיציעס, איז נויטיג די אייניגקייט פון אַלע אָרנטלעכע עלעמענטן פון פאָלק אָן אונטערשייד פון ריכטונג און שאַטירונג, קאָליר, אָדער רעליגיעזער אָנגעהעריגקייט. מיט רעכט האָט די פּראָגרעסיווע באַוועגונג איצט אַרויסגערוקט דעם לאָזונג: **פּאָלקס־קאָאַליציע.**

די שלום־באַוועגונג איז אין אַ באַדייטנדיגער מאָס אַ **בייִשפּיל** פון אַזאַ קאָאַליציע פון מענטשן פון פאַרשיידענע ריכטונגען און שאַטירונגען, פאַרשיידענע קלאַסן אַפילו. אַזאַ קאָאַליציע איז נויטיג אינ׳ם קאַמף געגן דער פאַרשטאַרקטער רעאַקציע, וואָס האָט אין געוויסע פאַלן, ווי אין דער שחיטה אין אַטיקאַ, אין די שחיטות אין די געטאָס, אויף די סטודענטן אין קענט קאַלעדזש, דזשעקסאָן סטעיט קאַלעדזש און אַנדערע ערטער, אַרויסגעוויזן שטריכן פון פאַשיזם. **מיר געפינען זיך ניט פאַר אַ פאַשיסטישער סיטואַציע,** דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, נאָר פאַר אַ סיטואַציע, ווען די פאַרשטאַרקטע רעאַקציע הויבט אָן **דראָען** מיט פאַשיסטישע מיטלען. עס איז דעריבער אומבאַדינגט נויטיג די אייניגקייט פון פאָלק אין קאַמף צו באַזיגן די רעאַקציע! און זאָל מיר דערלויבט זיין דאָ צו ברענגען אַ ציטאַטע פון אַן אַרטיקל אינ׳ם אויגוסט נומער (1971) פון „וואָירלד מאַרקסיסט רעוויו", אַן אַרטיקל וועגן אַ נייער אויסגאַבע פון געאָרגי דימיטראָוו׳ס „פּאָלקס־פראָנט", אַרויסגעגעבן אין בולגאַריע אין 1970.

אָן שום ספק, די סיטואַציע אין די דרייסיגער יאָרן, ווען דימיטראָוו האָט געהאַלטן זיין היסטאָרישע רעדע (אין אויגוסט 1935), איז געווען אַן אַנדערע ווי איצט אין אַמעריקע. אָבער אויף וויפל **דראָאונגען** פון פאַשיזם זיינען פאַראַן, און אויף וויפל **פּאָלקס־אייניגקייט** איז אַ דרינגענדיגע אויפ־

גאבע, איז וויכטיג צו זען אויף וואס דימיטראָוו האָט אָנגעוויזן אינ׳ם קאמף פאַר׳ן פאָלקס־פראָנט.

ער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז עס דאַרף קאָמבינירט ווערן **דער קאמף פאַר דעמאָקראַטיע מיט׳ן קאמף פאַר סאָציאַליזם**; אַז די דילעמע איז דעמאָלט געווען — ניט בורזשואַזע דעמאָקראַטיע אָדער סאָציאַליזם, נאָר פאַשיזם אָדער דעמאָקראַטיע. און דאָ זאָגט דער שרייבער פון דעם אַרטיקל וועגן דימיטראָוו׳ס בוך, געאָרגי ראַדעוו, אַט־וואָס:

„איינע פון די סיבות פאַר׳ן דערפאָלג פון פאַשיזם אין דייטשלאַנד און אַ צאָל אַנדערע לענדער איז געווען די פשרה־מאַכערישע פּאָליטיק פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, די אומאייניגקייט פונם אַרבעטער־קלאַס און זיין אָפּגעריסנקייט פון זיינע שותפים — די פּויערים, די שטאָטישע קליין־בורזשואַזיע און די אינטעליגענץ — וואָס דאָס איז געווען דער רעזולטאַט, צווישן אַנדערע זאַכן, פון דאָגמאַטיזם און סעקטאַנטישקייט אין די קאָמוניסטישע פּאַרטייען גופא״.

„...ער (דימיטראָוו) איז באַשטאַנען, אַז סעקציעס פון קאָמינ־טערן זאָלן איינשטעלן קאָנטאַקטן און זוכן פאַראייניגטע אַקציע ניט נאָר מיט די מיטגלידער, נאָר מיט דער פירערשאַפט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען און רעפאָרמיסטישע טרעיד יוניאָנס, און זאָל דיפערענצירן צווישן לינקע און רעכטע גרופּן צווישן זיי״.

דיפערענצירן... ניט אַריינוואַרפן אַלעמען אין איין טאָפּ... איינִיג־קייט אויף פּונקטן, בנוגע וועלכע מ׳קאָן זיך צונויפגיין, ניט געקוקט אויף חילוקי דעות וועגן פאַרשיידענע פראַגן. דאָס זיינען, ווי מיר דאַכט זיך, גרונט־מאָמענטן, ווען מען רעדט וועגן פאָלקס־איינִיגקייט.

מיר וועלן באַלד צוגיין צום ענין איינִיגקייט ביים באַטראַכטן דאָס אידישע לעבן אין אַמעריקע, דעם קאמף געגן שאָוויניזם אין היגן אידישן ישוב און געגן שאָוויניזם און אַנעקסיע־עלעמענטן אין מדינת ישראל. לאָמיר אינזינען האָבן דאָס נאָר־וואָס געבראַכטע אין דער לעבנס־וויכטיגער אָנ־שטרענגונג אינ׳ם קאמף געגן רעאַקציע. די זעלביגע פּרינציפּן, וואָס זיינען גילטיג בכלל — איינִיגקייט פון אַרבעטער מיט די פּויערים (פאַרמערס), מיט דער שטאָטישער קליינבורזשואַזיע, מיט דער אינטעליגענץ — זיינען גילטיג אויך אין אידישן לעבן. עס איז קלאָר, פאַרשטייט זיך, אַז אין דער אָנקומענדיגער וואַל־קאַמפּאַניע פאַר פּרעזידענט, אין נאָוועמבער 1972, וועלן די איינִיגקייט־אַקציעס דאַרפן שפּילן אַ ראָל. די „מאָרגן־פרייהייט״ וועט, לויט אירע דערפאַרונגען פון פופציג יאָר געראַנגל פאַר פּראָגרעס, אין גייסט פון דימיטראָוו׳ן, זוכן צו מאַכן איר אייגענעם ביישטייער אין די וואַלן און העלפן די אידישע פאָלקס־מאַסן מאַכן זייער ביישטייער.

אידיש לעבן אין אַמעריקע

פּאָזיטיווע מאָמענטן

קודם כל, די פּאָזיטיווע מאָמענטן אינ׳ם היגן אידישן ישוב. און ווי אַ ביישפּיל דערפֿון וועלן מיר נעמען די פּראָגראַם, וואָס דער „נעשאָנאַל דזשואיש קאָמיוניטי רילעישאָנס אַדוואַיזאָרי קאַונסיל (נאַציאָנאַלער אידישער באַהילפֿנדיגער ראַט פֿאַר קהילה־באַציאונגען) האָט אַרויסגעגעבן אָנהויב אָקטאָבער (1971) וועגן פּראָבלעמען, וואָס די אידישע קהילות איבערן לאַנד וועלן האָבן פֿאַר זיך אין 1971־1972.

די דאָזיגע קערפּערשאַפֿט נעמט אַרום דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָמיטעט, אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, בני ברית, אַנטי־דעפֿעמעישאָן ליגע, אידישן אַרבעטער קאָמיטעט, אידישע מלחמה־וועטעראַנען, נאַציאָנאַלן ראַט פֿון אידישע פֿרויען, אַלע דריי רעליגיעזע פֿאַרבאַנדן — רעפֿאָרמיסטישן, אָרטאָדאָקסישן און קאָנסערוואַטיוון — און לאָקאַלע אידישע שטאָט און שטאָט קהילה־ראַטן איבערן גאַנצן לאַנד. איר האָט דאָ פֿאַר זיך, הייסט עס, די צענטראַלע פֿונ׳ם גאַנצן זעקס־מיליאָניגן אידישע ישוב אין די פֿאַראייניגטע שטאַטן, מיטן אויסנאַם פֿון דעם זייער וויכטיגן סעקטאָר — דעם פּראָגרעסיוון. זעט מען אין דער פּראָגראַם אַזעלכע פּראָבלעמען: פֿעדעראַלע וואויל־זיין־רעפֿאָרמען; שאַפֿן מער באַשעפֿטיגונג, איינגעשלאָסן פֿעדעראַל־געשטיצטע עפֿנטלעכע אַרבעטן; מער עפֿעקטיווע איינפֿירן ציווילע רעכט, דעסעגרעגאַציע אין די סקולס און אינטעגראַציע אין וואוינונגען; מער פֿעדעראַלע פֿאָנדן פֿאַר דער סאָציאַלער באַדינונג, וואָס די שטעט און שטאַטן גיבן; פֿאַרבעסערן די פּאָליציי און געריכט פּראָצעדורן און רעפֿאָרמירן די שטראָף־אינסטיטוציעס; פֿרייהייט פֿון האָבן אַן אַנדער מיינונג (דיסענט), געגן די רדיפֿות מצד דער רעגירונג אויף לעגיטימע טעטיגקייטן, געגן „ווייערטעפּינג״ און אָנזאַמלען דאַטעס וועגן פּערזענלעכן לעבן; שטרענגע אָפּזונדערונג צווישן מלוכה און רעליגיע (בנוגע דעם לעצטן פּונקט זיינען די אָרטאָדאָקסטן ניט מסכים).

נעמט מען אין אַכט וואָס פֿאַר אַ קערפּערשאַפֿט מ׳האָט דאָ פֿאַר זיך, מוז מען זאָגן, אַז דאָס איז אַ מער־ווייניג פּראָגרעסיווער צוגאַנג צו וויכטיגע געזעלשאַפֿטלעכע ענינים אין אַמעריקע. ערגער איז בנוגע די צוויי אידישע פּונקטן, וואָס קומען צום סאַמע אָנהויב. נומער איינס: ווייטערדיגע אַמעריקאַנער מיליטערישע און עקאָנאָמישע הילף פֿאַר ישראל און אַ בעסערע עפֿנטלעכע פֿאַרשטענדיגונג פֿאַר פּראָבלעמען פֿון מיטל־מזרח, און נומער צוויי — אָפֿיציעלע אַריינמישונג פֿון דער וואַשינגטאָן רעגירונג פֿאַר אַ

„גערעכטער באהאנדלונג" פון די אידן אין סאוועטן־פארבאנד און זייער רעכט צו עמיגרירן.

מיר וועלן קומען צו די צוויי פונקטן שפעטער, — לאמיר דערווייל עטוואס גענויער אונטערשטרייכן די פאזיטיווע מאמענטן אינ'ם אידישן לעבן דא אין לאנד; סיי מצד געוויסע פירער פון די אויסגערעכנטע צענטראלע אידישע ארגאניזאציעס און סיי, אדער דער עיקר, מצד ברייטע אידישע שיכטן, וואס האבן אן אייגענעם, מער פארגעשריטענעם צוגאנג צו פראבלע־מען, ווי ס'האט די דאזיגע אידישע „עסטאבלישמענט", אזוי צו זאגן.

אידן אין קאמף פאר שלום, געגן ראסיזם

1) דער אידישער אנטייל אין דער שלום־באוועגונג, אין קאמף געגן דער מלחמה אין אינדא־כינע, איז אלע מאל געווען פראפארציאנעל גרויס און אזוי איצט. אט איז א געוויסער ביישפיל. אין א גרויסער רעקלאמע וואס איז פארעפנטלעכט אין דער „נ. י. טאימס", פאר די שלום־דעמאנסטרא־ציעס דעם 13טן אקטאבער און אין נאוועמבער, זיינען צווישן די 105 אונטערגעשריבענע נעמען געווען ארום 35 אידישע — געני א דריטל, איבער 33 פראצענט, בעת אידן מאכן אויס אן ערך דריי פראצענט פון דער אלגעמיי־נער אמעריקאנער באפעלקערונג (כאטש עס דארף גענומען ווערן אין אכט, אז די אידישע באפעלקערונג אין אמעריקע איז כמעט דורכאויס א שטאטישע; די אכט גרעסטע שטעט אין לאנד פארמאגן אן ערך אכציג פראצענט פונם ישוב).

עס דארפן דא אונטערגעשטראכן ווערן די נעמען פון אידישע טרעיד־יוניאן פירער, ניט נאר פאר־זיך אליין, נאר ווייל זיי שפילן א באזונדער אקטיווע ראל אין דער טרעיד יוניאן באוועגונג, ווי א געגן־געוויכט געגן דזשאורדזש מיני און אנדערע הויפט־פירער. אידישע טרעיד־יוניאן פירער האבן געשפילט אן אנגעזעענע ראל אין דער שלום־דעמאנסטראציע דעם 13טן אקטאבער אין ניו יארק. (עס דארף דא אנגעוויזן ווערן, אז אזא ארגאניזאציע ווי די „אידישע מלחמה־וועטעראנען", וועלכע איז אלע מאל געווען אן אויסנאם צווישן אידישע ארגאניזאציעס מיט איר שטעלונג פאר דער וויעטנאם מלחמה, האט אויף איר יערלעכן צוזאמענפאר, אין אויגוסט, 1971, אנגענומען א רעזאלוציע, אז אלע אמעריקאנער טרופן זאלן ארויסגעצויגן ווערן פון אינדא־כינע פאר'ן 31טן דעצעמבער, 1971. אן ענלעכע רעזאלוציע האט נאך פריער, אין יוני, 1971, אנגענומען דער יער־לעכער צוזאמענפאר פון דער רעפארם־רבנים ארגאניזאציע, „סענטראל קאנפערענס אוו אמעריקען ראבאים").

2) דער אנטייל פון אידן אין דער באוועגונג פאר ציווילע רעכט, פאר שותפות מיט די נעגער־מאסן, איז, מיט געוויסע ענדערונגען, וועגן וועלכע מיר וועלן באלד רעדן, אויך פראפארציאנעל גאר א גרויסער. מיר האבן נאר־וואס געזען דעם פונקט וועגן ציווילע רעכט ביי דער „עסטאבליש־מענט"; טיפער צווישן די מאסן נעמט אן דער דאזיגער פאזיטיווער צוגאנג

מער ממשות. און ווידער די ראָל פון אידישע טרעיד יוניאָן פירער. דאָס שליסט אויך טיילווייז איין דעם קאַמף פאַר אַנדזשעלאַ דעיווים, אָבער נאָר טיילווייז דערווייליע.

ווייטער: עס זיינען פאַראַן „פערמאַנענטע" באַקאַנטע פּאָזיטיווע שטריכן: דער אַנטייל פון אידן אין די וואַלן, מייסטנס אויף דער זייט פון ליבעראַלע קאַנדידאַטן; דער אינטערעס פון אידן אין דער בעסערער אַמעריקאַנער פרעסע, אין דער ליטעראַטור און בכלל אין דער קולטור; זייער ראָל אויפן אַקאַדעמישן געביט, וואו אידן געפינען זיך איצט אין גרעסערע פּראָפּאָרציעס.

אַ נייעם עלעמענט אינם אידישן לעבן האָט אַריינגעטראָגן די ברייטע, שטייגנדיגע עטנישע באַוועגונג אין לאַנד — די באַוועגונג צווישן די שווארצע און אַנדערע מינאָריטעטן, פאַר זייער אידענטיפיקאַציע, פאַר זייער קולטור, געשיכטע, מנהגים און אַזוי ווייטער. דאָס האָט געהויבן די חשיבות פון אידיש, וואָס ווערט איצט געלערנט אין אַרום 20 אוניווערזיטעטן אין לאַנד; דאָס האָט געשאַפן אַ פאַרשטאַרקטן אינטערעס פאַר נאַציאָנאַלער אידענטיפיקאַציע צווישן דער אידישער יוגנט, באַזונדער צווישן דער סטודענטנשאַפט (און מ׳דאַרף אינזינען האָבן, אַז אַן ערך אַכציג פּראָצענט פון דער אידישער יוגנט דאָ אין לאַנד טרעט אַריין אין קאַלעדזש, כאָטש ווייט ניט אַלע פאַרענדיגן אים). עס זיינען אויפגעקומען ראַדיקאַלע אידישע גרופּירונגען אין אַן ערך הונדערט אוניווערזיטעטן און קאַלעדזשעס, מיט אַן ערך פערציג ניי־געשאַפענע צייטונגלעך פון די דאָזיגע גרופּירונגען — ראַדיקאַלע, מייסטנס געגן דער וויעטנאַם־מלחמה, מייסטנס פאַר ציווילע רעכט, כאָטש אין דעם גרעסטן טייל נאַציאָנאַליסטישע, ציוניסטישע, — מיט אַ באַדייטנסוועדטער אָפּוועזנקייט דערווייליע פון אַ פּראָגרעסיווער גרופּירונג.

באַשעפטיגונג צווישן אידן

וואָס איז שייך דעם פיזישן אויסזען פון דעם אידישן ישוב דאָ אין לאַנד, אין פּרט פון צאָלן, האָט זיך אויף דעם געביט זייער ווייניג געענדערט זינט אונזער באַריכט אין פעברואר 1968. איך וועל דעריבער ניט ווידערהאָלן דאָ יענע ציפערן וועגן דעם אידישן ישוב, חוץ אָנמערקן, אַז עס איז געווען, ווי ביי יעדער ציילונג, אַ ווייטערדיגער וואוקס: אָנשטאָט די פינף מיליאָן מיט 702 טויזנט וואָס איך האָב דעמאָלט אָנגעגעבן פאַר׳ן יאָר 1966, לויטן אַמעריקאַנער אידישן יאָרבוך פון 1967, זיינען פאַר׳ן יאָר 1969 אָנגעגעבן געוואָרן פינף מיליאָן מיט 870 טויזנט, לויטן 1970 יאָרבוך. דער יאָרבוך 1971 וועט געוויס אָנגעבן אַ ציפער פון נאָענט צו זעקס מיליאָן אידן פאַרן יאָר 1970.

אויך דער געבוי פונם אידישן ישוב איז אומגעפער דער זעלביגער, ווי ער איז געווען מיט דריי יאָר צוריק, נאָר אפשר נאָך מער צענטראַליזירט — אָט ווי דער צונויפשטעל פון דער צום אָנהויב געבראַכטער קערפּערשאַפט ווייזט אָן. עס זיינען אָבער פאָרגעקומען, דאַרף מען אונטערשטרייכן, אינער־

לעבע ענדערונגען. ניט אזוי איבערוואַנדערונגען פון שטעט אין צפון פון לאַנד, באַזונדער אין מיטל־מערב, אין געגנטן מיט אַ וואַרימען קלימאַט, ווי סאָציאַלע און פּאָליטישע ענדערונגען.

דער וואָכן־זשורנאַל „ניוזוויק" האָט דעם 1טן מערץ (1971), אין אַ ברייטער פאָרשונג: „דהי אַמעריקען דזשו טודעי", דער „היינטצייטיגער אַמעריקאַנער איד", אָנגעגעבן די פּאָלגענדיגע באַשעפטיגונגען ביי אַמערי־קאַנער אידן: פיזישע ארבעטער — 22 פּראָצענט, ווייסע קאָלנער ארבעטער — 22 פּראָצענט, פּראָפעסיעס — 20, געשעפטסלייט, דירעקטאָרן, באַאַמטע — 35. אויף וויפיל געוויסע ציפערן און אָפּשאַצונגען אין דער שטודיע זיינען אָפּגעפרעגט געוואָרן, קאָן מען ניט גאַראַנטירן צי די ציפערן שטימען דורכ־אויס. אָבער עס דאַכט זיך, אַז מער־ווייניגער — יע.

ווען מ'וועט נעמען די צוויי קאַטעגאָריעס: פיזישע און ווייסע קאָלנער ארבעטער, האָט מען שוין ניט ווייט פון אַ העלפט לוין־און־געהאַלט באַשעפ־טיגטע — 44 פּראָצענט. די ווייטערדיגע 20 פּראָצענט, פון די פּראָפעסיעס, פאַרמאָגן אויך געהאַלט־באַשעפטיגטע, ווי לערער, פּראָפעסאָרן און בכלל אַקאַדעמיקער. דאָס באַדייט, אַז די מערהייט פון אידישן ישוב לעבט פון פיזישער און גייסטיגער אַרבעט. און נעמט מען אין אַכט דעם ווייט גרעסערן אידישן ישוב אַצינד — זעקס מיליאָן, אין פאַרגלייך, למשל, מיט די איבער דריי מיליאָן אידן דאָ אין לאַנד באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה — קאָן מען זאָגן, אַז די אַבסאָלוטע צאָל פיזישע ארבעטער איז היינט אַ גרעסערע, כאָטש ווייניג אין די טראַדיציאָנעלע אידישע פאַכן, די נאָדל־פאַכן און מער אין פאַכן וואו אידישע ארבעטער זיינען אַמאָל געווען שוואַך אָדער גאָרניט פאַרטראָטן, ווי ראַדיאָ־עלעקטריק, טעקסי־טרייבער, סקלאַדן־ארבעטער, טיילוויז האַפען־ארבעטער, פּלאָמבערס, מלוכה־אָנגע־שטעלטע און אַנדערע.

עס איז אָבער ניטאָ די אַמאָליגע פּראָפּאָרציע פון פּראָלעטאַרישע עלעמענטן אין היגן ישוב און אוודאי איז ניטאָ די קאָנצענטראַציע, וואָס בעת אַ סטרייק פון די שניידער, למשל, אָדער מאַנטל־מאַכער, איז כמעט דער גאַנצער אידישער קוואַרטאַל אין ניו יאָרק געווען אַריינגעצויגן אינ'ם קלאַסן־קאַמף! פאַראַן אַ גרעסערע איבערוואָג פון קליינבירגער, ווי אַמאָל, ניט נאָר אין דער קאַטעגאָריע געשעפטסלייט און אַזוי ווייטער, נאָר טיילווייז אויך צווישן די פּראָפעסיעס — דאָקטוירים, דענטיסטן, למשל. עס האָט זיך געשטאַרקט דאָס געוויכט פון דער בורזשואַזיע און גרויס־בורזשואַזיע. און דאָס אָרגאַניזירטע אידישע לעבן ווערט, מיט געוויסע שוואַכע אויסנאַמען, באַהערש פון אידן מיט דער מטבע, אָדער פון די וואָס גייען־מיט מיט זיי — דער אידישער אַרבעטער־קאָמיטעט, למשל, וועלכער איז אונטער דער פירערשאַפט פון אָנהענגער פון דזשאָרדזש מיני.

ווי אַ רעזולטאַט פון די אַלע פאַקטאָרן און פון'ם אָנגריף פון דער רעאַקציע אויף דער אַלגעמיינער אַרענע, האָט מען פאַר זיך אַ געוויסע פאַר־ערגערונג פון דער קוואַליטעט פון דעם אידישן ישוב. דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער באַציאונג פון דער „עסטאַבלישמענט" צו דער וויעטנאַם מלחמה

— און ס'איז ניט קיין צופאַל וואָס דער ענין ווערט ניט דערמאָנט אין די פונקטן וואָס זיינען צום אָנהויב פון דעם קאַפּיטל אויסגערעכנט געוואָרן — ווי אויך אין דער באַציאונג צו דער נעגער־פראַגע, בנוגע וועלכער ס'איז פאַראַן, דאַכט זיך, אַ געוויסער „בעקלעש", אַ צוריקשלאַג מצד דעם ווייסן ראַסיזם.

די אַנטי־סאָוועטישע היסטעריע

ערגער פון אַלץ איז דאָ די אַנטי־סאָוועטישע היסטעריע, וואָס איז אָנגעצונדן געוואָרן אינם אידישן ישוב, וועלכע דראָעט נאָך מער צו פאַר־ערגערן די קוואַליטעט זיינע. און זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז דער לאָזונג „שלח את עמי", שיק אַרויס מיין פאָלק, אונטער וועלכן די היסטעריע ווערט געפירט, איז אַ דראָענדיגער פאַרן אידישן פאָלק בכלל, אויך פאַר אַמעריקאַנער אידן — אויף וויפיל עס ווערט גערעדט וועגן דעם, אַז ישראל איז דאָס „היימלאַנד", אָדער „היסטאָריש היימלאַנד", פון אַלע אידן אין דער וועלט.

אין יאָר 1964 האָט דער ציוניסטישער קאָנגרעס אין ירושלים אָנגענומען אַ פּראָגראַם וואָס האָט געהייסן: „מיטן פּנים צום גלות". וואָס דערפון איז געוואָרן איז אַן אַנדער זאַך, אָבער אין דער דיסקוסיע ערב דעם קאָנגרעס האָט דער פאַרשטאָרבענער ישראל־פירער משה שרת אָנגעוויזן, אַז אויף אַרויסנעמען די צען מיליאָן אידן פון „גלות" קיין ישראל וועט זיך נויטיגן הונדערט יאָר, אויב אַפילו ישראל זאָל קענען אַריינעמען 100 טויזנט אַ יאָר. אָבער אין די הונדערט יאָר, האָט שרת דערקלערט, קענען אויסוואַקסן נייע צען מיליאָן („פאָלק און ציון", סעפּט.־אָקט. 1964). די איינשטעלונג איז דעריבער געווען, אויך ביי ציוניסטן, אויף פּערמאַנענטע אידישע ישובים איבער דער וועלט. איצט, ווען מ'רעדט אַפילו ניט וועגן 100 טויזנט עולים אַ יאָר, נאָר וועגן 40־50 טויזנט, רוקט מען אַרויס דעם לאָזונג „שלח את עמי"!

מיר זיינען פאַר'ן וואוקס און אויפבוי פון מדינת ישראל. מיר האַלטן, אַז ווער עס וויל פאָרן אַהין דאַרף האָבן די מעגלעכקייט דערויף (וועגן דעם ענין סאָוועטישע אידן — שפּעטער). אָבער די ווירקלעכקייט איז — די ווירקלעכקייט. אין אַן אַרטיקל פון נ. פאַריזער אין דער „מאָרגן־פרייהייט" פון 7טן אָקטאָבער (1971) איז אָנגעגעבן געוואָרן פאַרן יאָר 1969 — 40 טויזנט איינגעוואַנדערטע אין ישראל, פאַר'ן יאָר 1970 — 37 טויזנט און היינטיגס יאָר — אומגעפער אַזוי פיל. פיל זיינען אָבער אַרויסגעפאָרן, אָדער צוריקגעפאָרן אין די לענדער, פון וואַנען זיי זיינען געקומען, ספּעציעל קיין פראַנקרייך. אַזוי אַז אין 1969 איז פון דער איינוואַנדערונג פאַרבליבן 21,500 און אין 1970 — 15,300. עס זיינען אַן ספק פאַראַן גרויסע שוועריג־קייטן ביים אַבסאָרבירן נייע אימיגראַנטן; די מלחמה־סיטואַציע, דער דערדריקנדיגער מיליטערישער בודזשעט האָט דאָ געוויס וואָס צו זאָגן, אָבער מיר רעדן וועגן דער ווירקלעכקייט אין דער באַציאונג צום לאָזונג „שלח את עמי".

אין ישראל גופא איז אַנגעוויזן געוואָרן — פון מ. צאַנין, למשל, אין זיין צייטונג „לעצטע נייעס״ און פון אַנדערע — אַז דער לאָזונג איז, לויט צאַנינ׳ס אויסדרוק, אַ מנחם מענדל־שער, אויפן הימל אַ יאַריד, נעמענדיג אין אַכט די מעגלעכקייטן פון אַבסאָרבירן עולים אין ישראל. אָבער — ס׳איז אַ סך ערגער פון מנחם מענדעליזם! דאָס איז אַן **אַנטי־אידישער לאָזונג**, וואָס שטעמפּלט אידן אין אויסלאַנד, ניט נאָר די סאָוועטישע אידן, ווי „פרעמדע״ אין זייערע לענדער. און וואָס איז שייך דער אַנטי־סאָוועטישער היסטעריע, איז דאָס אַן עלעמענט וואָס טראָגט אַריין דעם גייסט פון דער קאַלטער מלחמה אין אידישן ישוב און שטאַרקט די קרעפטן פון רעאַקציע!

צוליב דעם, ווי צוליב דער ווירקונג פון הערשנדיגע קרייזן אין ישראל, זעען מיר אַ געוויסע אָפּשוואַכונג צווישן ציוניסטישע עלעמענטן פונ׳ם קאַמף געגן דער וויעטנאַם מלחמה. און ווען מען זעט ווי אידישע פירער אין לאָס אַנדזשעלעס גייען געאָרעמט מיט אַ ראָנאַלד רעיגען, מיט אַ סעם יאָרטי, אָדער די פירערשאַפט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — מיט איינעם פון די ערגסטע רעאַקציאָנערן אין סענאַט, דזשעימס באָקלי און מיטן שפּאַרבער העברי דזשעקסאָן, האָט מען פאַר זיך אַזוינס, **וואָס איז דאַכט זיך ניט געזען געוואָרן אינם אידישן לעבן דאָ אין לאַנד!** אַזעלכע פירער — אין פריערדיגע צייטן — ווי ראַבאַי סטיפען ס. ווייז, אָדער אַפילו לואי מאַרשאַל, האָבן אויסגעמידן די רעאַקציאָנערן אויף דער אַמעריקאַנער אַרענע. מ׳דאַרף באמת **אַלאַרמירט** ווערן פון דעם דאָזיגן נייעם שטריך אין היגן אידישן לעבן — דאָס חבר׳ן זיך פון אידישע פירער מיט די רעאַקציאָנערסטע פּאָליטישע פיגורן אין לאַנד.

אין דער פאַר׳סמ׳טער אַטמאָספּערע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דער אַנטי־סאָוועטישער היסטעריע, איז אויסגעוואַקסן דער ווילדער געוואוקס — די דזשואיש דעפענס ליג, מיט אירע פאַשיסטישע מעטאָדן, מיט אירע פאַרבינדונגען מיט דער מאַפיאַ און דער אַלגעמיינער רעאַקציאָנערער אונ־טערוועלט. דער דאָזיגער ווילדער געוואוקס מוז באַזייטיגט ווערן פון אידישן לעבן דאָ אין לאַנד!

דער קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם

נעגאַטיווע שטריכן האָבן זיך געשאַפן אין פּרט פון קאַמף געגן אַנטי־סעמיטיזם. די אַנטי־סאָוועטישע היסטעריע אַנולירט פּאַקטיש אַזאַ קאַמף! חוץ דעם האָט זיך געשאַפן אַן איינשטעלונג אין געוויסע קרייזן אין אידישן לעבן, אַז די געפאַר פון אַנטיסעמיטיזם קומט דער עיקר פון לינקס — פון „ניי־לינקס״, הייסט עס און פון די „בלעק פּענטערס״. דער חודש־זשורנאַל „קאָמענטאַרי״, אָרגאַן פון אַמעריקאַנער אידישן קאָמיטעט, האָט אין אויגוסט (1971) געגעבן אַ מין אָפיציעלן שטעמפּל אויף דער דאָזיגער איינשטעלונג.

אַגב, האָט דער זשורנאַל אין פעברואַר (1971) פאַרעפנטלעכט אַ סימ־פּאָזיום אויף דער טעמע: **„רעוואָלוציע און די אידן״** — מיטן סך הכל, אַז רעוואָלוציע טויג ניט פאַר אידן. פון איין שניט מיט דעם איז דער צוגאַנג צום אַנטיסעמיטיזם.

אמת איז, אַז מ'דאַרף זען דאָס גאַנצע בילד. עס זיינען געווען און עס מערקן זיך נאָך אַלץ אַנטי־ישראל און אַנטי־ציוניסטישע אויסדרוקן אין דער פּראָפּאַגאַנדע פון געוויסע „ניי־לינקס" קרייזן, — אויסדרוקן וואָס זיינען אַנטיסעמיטישע, אָדער קאָנען אַריינשפּילן אין אַנטיסעמיטישע הענט. דאַרף מען דאָס ניט פאַרשווייגן! עס זיינען געווען געוויסע אויסדרוקן אין דעם אָרגאַן פון די „בלעק פּענטערס", אין אַן אַרטיקל, אין אַפּריל 1970, פון קאָני מעטיוס, וועלכער איז אַוועק צו דער עלדרידזש־גרופּע אין אַלזשיריע, וואָס זיינען געווען אַנטיסעמיטישע. האָט מען דאָס אויך ניט געדאַרפט פאַר־שווייגן — און מיר, אין דער „מאָרגן־פרייהייט", האָבן **ניט** פאַרשוויגן! **אַנטיסעמיטיזם דאַרף און וועט באַקעמפט ווערן אַלץ איינס פון וואַנען און פון וועמען דאָס זאָל ניט קומען!** דאָס פאָדערן ניט נאָר די אינטערעסן פון אידישן פאָלק — דאָס פאָדערט אויך די זאַך פון פּראָגרעס, פון סאָציאַ־ליזם! עס איז אָבער פאַלש און פאַרפירעריש צוצושרייבן דעם אַנטיסעמיטיזם בכלל אויפן אַדרעס פון „ניי־לינקס", ניט געקוקט אויף אַלע צעטומלעניש דאָרטן, און אוודאי איז פאַלש און שעדלעך צוצושרייבן דעם אַנטיסעמיטיזם אויפן חשבון פון די „בלעק פּענטערס", ניט געקוקט אויף זייער שאַרפער און פאַלשער אַנטי־ישראל שטעלונג, אַ שטעלונג, וואָס מיר וואַרפן אָפּ. מיר אַליין איז אויסגעקומען זען די ראָל פון דעם פירער פון די בלעק פּענטערס, **באָבי** סיל, אין מאָנטעראַל, אין נאָוועמבער 1968, אויפן קאָנגרעס פון די אַמערי־קעס געגן מלחמה — אַ פּאָזיטיווע ראָל, אויך אין פּרט פון קאַמף **געגן** אַנטיסעמיטיזם.

פון וואַנען קומט די געפאַר?

די מאַרטירער־געשיכטע פון אונזער פאָלק זאָגט אונז, אַז די אַנטיסע־מיטיזם־געפאַר קומט אַלע מאָל פון **רעכטס**, מצד דער **רעאַקציע**, — און דאָ האַנדלט זיך ניט סתם וועגן נעגאַטיווע אויסדרוקן און מיינונגען, נאָר וועגן די **מאַכט־האָבנדיגע**, דעם הערשנדיגן קלאַס. און ס'איז וויכטיג, אַז פּראָגרעסיווע מענטשן זאָלן אינזינען האָבן אַז עס איז ניט גענוג בלויז צו זיין **טעאָרעטיש** געגן אַנטיסעמיטיזם — מען דאַרף **קעמפן** געגן אַנטי־סעמיטיזם!

רעאַקציאָנערע, שאָוויניסטישע קרייזן אין אידישן לעבן רעדן וועגן אַ געפאַר מצד אַזוי־גערופענעם „שוואַרצן אַנטיסעמיטיזם". דאָס איז אַ פאַל־שער און געפערלעכער לאָזונג, וועלכן מען דאַרף שאַרף אָפּוואַרפן — און וועלכן מיר האָבן כסדר **אָפּגעוואָרפן און וואַרפן אָפּ**! דאָס איז אַ ראַסיסטישער לאָזונג, וואָס קאָן נאָר שעדיגן די אידישע מאַסן, אונטערגראָבן די שותפות פון אידן מיט די נעגער־מאַסן, וואָס דער קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם פאָדערט, וואָס עס פאָדערט דער קאַמף פאַר אמת'ער דעמאָקראַטיע אין אַמעריקע.

אוודאי איז פאַראַן אַנטיסעמיטיזם צווישן אַ סך טיילן פון דער ניט־אידישער באַפעלקערונג, די שוואַרצע ניט אויסגעשלאָסן, וואו שטאַרקער און וואו שוואַכער. אָבער ניט נאָר איז דער אַנטיסעמיטיזם שטאַרקער צווישן

וויסע, נאָר כמעט די גאַנצע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע אין אַמע־ריקע קומט פון וויסע — פון עלעמענטן, וועלכע זיינען אין דער זעלביגער צייט אַנטי־נעגערשע, ראַסיסטישע. עס איז פּשוט ניט מעגלעך פאַר מיר דאָ אַריינצוגיין אין דעם גאַנצן פאַרנעם פון דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע אין אַמעריקע, אויסרעכענען די אויסגאַבן פון אַזעלכע גיפטמישער ווי דזשע־ראַל ק. סמיט, קאָנראַד וויינראַד און אַנדערע, פון דער בווירטש סאָסאיעטי, די פּראָפּאַגאַנדע פון די אַלערליי קרוסעידס, פון די קו־קלוקסערס, די געוועזענע אַמעריקאַנער נאַצי פּאַרטיי, וואָס טראָגט איצט אַן אַנדער נאָמען, די אַזוי־גערופענע „ליבערטי לאָבי" און נאָך. אָט די אַלע טעטיקייטן, דער ברייטער, שמוציגער שטראָם אַנטיסעמיטישע „ליטעראַטור", די ברייטע פאַרשפּרייטונג פון די „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון", די פּראָפּאַגאַנדע אויף דער ראַדיאָ, טעלעוויזיע און אפילו דורכ'ן טעלעפאָן — אַלץ, אַלץ קומט פון וויסע, פינאַנסירט פון דעם אויל־מאַגנאַט ה. ל. האַנט, פון דער „שיק" ראַזירער קאָמפּאַניע און אַנדערע עלעמענטן פון גרויס־קאַפּיטאַל. די דאָזיגע אַנטי־סעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, באַגלייט פון באָמבאַרדירונגען פון סינאַגאָגן, שענדונגען פון אידישע בית עולמ'ס, איז אַלע מאָל געווען אַן ערנסטע פּראָבלעם, ספּעציעל איצט, מיט דער פאַרשטאַרקונג פון דער ניקסאָן־עגניו־מיטשעל רעאַקציע. און עס איז אַ דראָענדיגער סיגנאַל דער פאַקט, וואָס אַ געוועזענער אידן־מערדער, יאָסיף פּאוקאַ, דער געבעלס פון דער נאַצישער קוויזלינג־רעגירונג אין סלאָוואַקיע בראש מיטן גלח יאָסיף טיסאָ (וועלכער איז אויפגעהאָנגען געוואָרן נאָך דער מלחמה) האָט אַנגעשפּאַרט אין ווייסן הויז. ווי דער קאָלומניסט דזשעק אַנדערסאָן האָט אויפגעדעקט אין דער „נ. י. פּאָוסט" פון 24טן סעפּטעמבער (1971). דאָס דערמאָנט אונז אין די אַלע טויזנטער נאַצי־קאָלאַבאָראַטאָרס, וואָס געפינען זיך דאָ אין לאַנד. פיל פון זיי, ווי אַ יאָסיף פּאוקאָ, אָדער דער גלח טריפאַ אין דעטראָיט און אַנדערע, זיינען פאַקטאָרן אין דער אַנטיסעמיטישער און ראַסיסטישער פּראָפּאַגאַנדע אין אַמעריקע.

נעגער אין קאַמף פאַר אידן

צוריקגייענדיג צו די שטימונגען צווישן די נעגער־מאַסן בנוגע אידן, וועט וויכטיג זיין צו דערמאָנען, אַז ווען דער ריכטער אייב פאָרטאַס האָט רע־זיגנירט פון העכסטן געריכט אין וואַשינגטאָן, האָט דער נעגערשער פירער ראָי ווילקינס פאַרגעוואָרפן ניקסאָנ'ען הלמאי ער האָט ניט באַשטימט קיין אידן אויף פאָרטאַס'עס אָרט. און נאָך אַ פאַל. ווען די אַראַבישע טעראָריסטן האָבן, אין סעפּטעמבער 1970, פאַרכאַפּט עראָפּלאַנען מיט טוריסטן און אָפּגעזונדערט אידישע טוריסטן, געהאַלטן זיי אין דעם „אַשוויענטשים אין מדבר", איז דער פירער פון דער גרויסער נעגערשער אָרגאַניזאַציע „קאָר", ראָי איניס, אַרויס אין דער „מאַנהעטן טריביון" פון 19טן סעפּטעמבער (1970) מיט אַ רוף: „דהי דזשוז מאַסט נאָט סטענד עלאָון", די אידן טאָרן ניט זיין אַליין. ער האָט דערמאָנט, אַז איין מאָל האָט מען שוין געלאָזט אידן אַליין אין זייער אומגליק — אַן אַנדייט אויף די נאַצישע אַשוויענטשימס —

און אז „שווארצע מיליטאַנטישקייט קאָן ניט האַלטן זיך אין אַ זייט און דערלויבן עס זאָל ווידער אַזוי פּאַסירן — ניט שעדיגנדיג דורכדעם די גע־רעכטיגקייט פון אונזערע אייגענע טענות".

די וואָס פּאָלגן כסדר נאָך די „מאָרגן־פרייהייט" ווייסן — און אונזערע באַריכטן צו די פריערדיגע „מאָרגן־פרייהייט" צוזאַמענפאָרן וועלן עס באַ־שטעטיגן, אויב דאָס איז נויטיג, — אַז אונזער צייטונג וואָרנט כסדר מ'זאָל אָפּהיטן ווי דאָס אויג אין קאָפּ די קאַמף־שותפות צווישן אידן און שווארצע, — אויך מיט די טשיקאַנאָס און אַנדערע מינאָריטעטן, ווי אַ שותפות אין די אינטערעסן פון די אידן גופא, און ווידעראַמאָל — אין נאָמען פון אמת'ער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע. די „מאָרגן־פרייהייט" איז דעריבער כסדר, אָן אויפהער, אָן וועלכער עס איז אָפּשוואַכונג, וועגן עס איז, געווען און פאַרבליבן וואַכזאַם און אויסגעהאַלטן בנוגע דעם קאַמף געגן ראַסיזם. מיר כאַפּן אויף יעדן אויסדרוק אינ'ם אידישן לעבן, ווי דערקלערונגען פון פירער פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, הדסה און אַנדערע, פאַר אידיש־נעגערשער שותפות. און אָט איז די טעג אויפן צוזאַמענפאָר פון בני ברית אין וואַשינגטאָן אַרויסגעטראָטן דער פּרעזידענט פון דער דאָזיגער אָרגאַני־זאַציע, דר. וויליאַם וועקסלער, פאַר אידיש־נעגערשער שותפות.

ביי אַ ריי געלעגנהייטן, ווי ס'איז שוין פריער אָנגעוויזן געוואָרן, איז אויס־געקומען צו אונטערשטרייכן, אַז דער קאַמף פאַר אַנדזשעלאַ דעיוויס איז ניט בלויז אַ קאַמף פאַר אַ קרבן פון ראַסיזם און אַנטי־קאָמוניזם. אַנדזשעלאַ דעיוויס איז געוואָרן אַ סימבאָל אין דעם באַפרייאונגס־קאַמף פונ'ם נעגער־פאָלק, אַ סימבאָל אינ'ם קאַמף געגן אַ רעזשים אין די אַמעריקאַנער טורמעס, וואָס פאַרמאָגט פאַשיסטישע שטריכן, ווי מ'האָט עס געזען אין דער אַטיקאַ טורמע. אָבער דער דאָזיגער קאַמף, פאַר אַנדזשעלאַ דעיוויס, האָט נאָך ווייט ניט אָנגערירט די ברייטע אידישע געזעלשאַפטלעכקייט. דאָ פאָדערט זיך אַ גרעסערע אָנשטרענגונג. עס דאַרפן באַגריסט ווערן די שריט פון די פירער פון פּראָגרעסיווע אידישע אָרגאַניזאַציעס אין לאָס אַנדזשעלעס און דאָ אין ניו יאָרק, אַריינצוגעבן רעקלאַמעס אין דער אידישער און אַלגעמיינער פּרעסע פאַר אַנדזשעלאַ דעיוויס. אין פאַרבינדונג דערמיט דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן דער פאַקט, וואָס דער אָרגאַן פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, „קאָנגרעס באַי־וויקלי" (אויסגאַבע פון 17טן סעפּטעמבער) האָט ניט נאָר פאַרעפנטלעכט אַזאַ רעקלאַמע, נאָר געשטעלט זי באַלד צום אָנהויב, פאַר די עדיטאָריעלס. אויך אין דער שיקאַגער ענגליש־אידישער וואָכנשריפט, „סענטינעל", איז די רעקלאַמע געדרוקט געוואָרן (14טן אָקטאָבער) באַלד צום אָנהויב.

ראָל פון פּראָגרעסיוו־אידישן סעקטאָר

אין אָנגעזיכט פון דער פאַרשטאַרקונג פון רעאַקציאָנערע שטרעמונגען אינ'ם אידישן לעבן, הויבט זיך אַלץ מער אַרויס די גרויסע באַדייטונג, פאַר'ן גאַנצן אידישן ישוב דאָ אין לאַנד, פונ'ם פּראָגרעסיוון אידישן סעקטאָר, וועלכער איז אָרגאַניזירט אין די אידישע קולטור־קלובן און סאָסאַיעטיס,

עמא לאזארוס אידישע פרויען־פעדעראציע, איקוף און לייען־קרייזן, פּראָגרעַ־סיווע אידישע קינדער־שולן, אידישן מוזיק־פאַרבאַנד און זיינע כאָרן און אָרקעסטערס און נאָך אינסטיטוציעס, איינגעשלאָסן „דזשואיש קאַרענטס״. דאָס איז אַ סעקטאָר, וואָס בשעת אים איז נאָענט דער קאַמף פאַר דער זיכערקייט פון מדינת ישראל, דער קאַמף פאַר׳ן וואוקס און דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער מדינה, אין פרידלעכע באַציאונגען מיט די אַראַבישע שכנים, איז ער אָבער — דער דאָזיגער סעקטאָר — אָריענטירט אויף דאָ׳איגקייט, אויף בויען אַ געזונט אידיש לעבן דאָ אין לאַנד, אויף גיין האַנט אין האַנט מיט די ברייטע אַמעריקאַנער מאַסן אין די קאַמפן פאַר אַ בעסערער אַמעריקע, קאַמפן געגן דער וויעטנאַם מלחמה, געגן רעאַקציע, אַנטיסעמיטיזם, ראַסיזם, פאַר שותפות מיט די נעגער־מאַסן און אַנדערע מינאָריטעטן. ער האַלט טייער די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטישע פרייהייט־טראַדיציעס צוזאַמען מיט די פּראָגרעסיווע טראַדיציעס פון אידישן פאָלק, די טראַדיציעס פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג.

עס איז ממש אַ לעבנס־פראַגע, פאַר׳ן גאַנצן אידישן ישוב, צו שטאַרקן די נאָר־וואָס דערמאָנטע און אַנדערע פּראָגרעסיווע אידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, שטאַרקן די אידישע פּראָגרעסיווע קולטור־אַרבעט, וואָס שטיצט זיך אויף ברייטע שיכטן פון די אידישע מאַסן, — קולטור־אַרבעט אויף אידיש און אויף ענגליש.

פונקט ווי אויף דער אַלגעמיינער אַרענע איז אַרויסגערוקט געוואָרן די דרינגלעכקייט פון שאַפן אַ פאָלקס־קאָאַליציע געגן מלחמה, רעאַקציע, ראַסיזם, געגן דער רויבעריי פון מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל, אַזוי שטייט אינ׳ם אידישן לעבן נאָך שאַרפער ווי ביז איצט די פראַגע וועגן אייניגקייט, — צונויפגיין זיך מיט אַלערליי עלעמענטן, פאַר באַשטימטע פאָלקס־צילן, וואָס קאָנען פאַראייניגן וואָס ברייטערע שיכטן פון היגן אידישן ישוב. אַהער קומען אַריין: די פּראָבלעם פון קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם, אויף אַ פאַראייניגטן שטייגער; די פּראָבלעם פון בויען די וועלטלעכע אידישע קולטור־אינסטיטוציעס, ווי אַ געזעלשאַפטלעכן אידישן טעאַטער, אָדער טעאַטערס (ניט נאָר אין ניו יאָרק) און אַריינטראָגן ניי־לעבן אין דעם סעקולאַריזם פון אידישן לעבן דאָ אין לאַנד.

ראַבאַי יאָאַכים פרינץ, געוועזענער לאַנגיאָריגער פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, האָט ניט לאַנג צוריק גערעדט וועגן „פאַנטאַסטישער אומוויסנקייט״ צווישן אידן אין אַמעריקע בנוגע אידישע ווערטן. אַריינטראָגן אינהאַלט אינ׳ם אידישן לעבן איז אַ ברענענדיגע אויפגאַבע, און אַהער גייט אַריין די אַרבעט פון ראַטעווען דעם וועלטלעכן אידישן שול־וועזן, וואָס בנוגע אים האָבן מיר מיט העכער אַ יאָר צוריק געהערט אַן עס־אַ־עס רוף פון דר. גרשון וויינער (אין „אידישן קעמפער״). ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ צושטאַנד פון ממש ערב אונטערגאַנג פון די קינדער־שולן אין אַרבעטער־רינג, נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און שלום עליכם אינסטיטוט. אייניגקייט אויף דעם געביט פונם שול־וועזן, ווי אויף אַנדערע געביטן, וואָלט געשאַפן אַ נייעם אויפשוואונג אינ׳ם אידישן ישוב דאָ אין

לאַנד, וואָלט אין אַ באַדייטנדיגער מאָס צוריקגעשטויסן די „פאַנטאַסטישע אומווויסנקייט".

אייניגקייט באַדייט **ניט** — אויפגעבן די אייגענע פּרינציפּן, באַדייט **ניט** — אָפּאָרטוניזם, פּרינציפּלאָזיגקייט. אייניגקייט פאָדערט אין דער זעלביגער צייט זיין אָפּגעהיט פון אריינוואַרפן אַלעמען אין איין טאָפּ אויף אַ דאָגמאַטישן אופן. פונקט ווי בנוגע דעם קאַמף פאַר שלום ווערט געוואָרנט געגן יענע גרופּירונגען, וועלכע האָבן דעם שלום־פראָנט אַנגעטאָן גרויס שאָדן מיט זייער שטייפער, כלומרשט פּרינציפּיעלער, סעקטאַנטישער באַציאונג, אַזוי דאַרף מען אויפ'ן געביט פון אידישער אייניגקייט זיך אויסהיטן פון דעם. אַלע מאָל איז נויטיג צו געדענקען דעם אָנזאָג פון אַלגינ'ען, אין זיין „דרך ארץ פאַר'ן פאָלק" — אַז מ'דאַרף „דרך ארץ האָבן פאַר'ן גייסט פון פאָלק וואָס איז אַ גייסט פון סאָציאַלן יושר און באַפרייאונג". פונקט אַזוי איז וויכטיג צו געדענקען די ווערטער פון דעם סאָוועטישן טעאָרעטיקער איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע, **עדוואַרד באַגראַמאָוו**, ווען ער האָט געשריבן אין זשורנאַל „סאָוויעט לאַיף" (סעפּטעמבער 1967) : „דער אמת'ער אינטער־נאַציאָנאַליסט האָט נאַציאָנאַלן שטאָלץ און שאַצט אָפּ נאַציאָנאַלע טראַדי־ציעס. איינער וואָס האָט ניט ליב זיין אייגן פאָלק איז ניט געניגט צו רעספּעקטירן אַנדערע פעלקער". דאָס איז ווידעראַמאָל אינ'ם גייסט פון אַלגינ'ען, וועלכער איז געווען אַן אמת'ער אינטערנאַציאָנאַליסט און אַ מוס־טערהאַפטער קעמפער פאַר אידישע אינטערעסן, אַ מוסטערהאַפטער בויער פון דער אידישער קולטור.

די אונטערשטע שורה : עס איז **פאַראַן** אַ אידישער ישוב אין די פאַר־אייניגטע שטאַטן, — און אַ גאָר **וויכטיגער** אידישער ישוב, שיעור ניט אַ העלפט פון גאַנצן אידישן פאָלק אין דער וועלט ; אַ ישוב, וואָס איז איינגע־גרירט אין אַמעריקע — פּאָליטיש, עקאָנאָמיש, קולטורעל, סאָציאַל. דאָס איז אַ **וואַקסנדיגער** ישוב, ניט געקוקט אויף אַסימילאַציע דאָ און דאָרטן. עס איז דרינגענדיג נויטיג פאַר פּראָגרעסיווע מענטשן צו זיין **טעטיג** אינם אידישן ישוב, מיט דרך ארץ צום פאָלק, מיט נאַציאָנאַלן שטאָלץ ; צו באַ־קעמפן נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם, צו זען אַז דער ישוב זאָל זיין אַ **פאַקטאָר פון פּראָגרעס**, אין גייסט פון די פאָרגעשריטענע טראַדיציעס פון אידישן פאָלק, פון אונזערע קלאַסיקער, די טראַדיציעס פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

געגנערשאַפט צום ציוניזם און נאַציאָנאַלער ניהיליזם

אונזער געגנערשאַפט צום ציוניזם

דער קאַמף פאַר אידישער אייניגקייט פאָדערט, גלויב איך, אַן עטוואָס ברייטערע באַלייכטונג — אין די באַגרעניצטע ראַמען פון דעם באַריכט — פון אונזער שטעלונג צום ציוניזם.

די „מאָרגן פרייהייט" האָט אַלע מאָל געהאַט און האָט עד היום אַ געגנערישע שטעלונג צום ציוניזם. זי האָט אַלע מאָל געהאַלטן, אַז די צוויי הויפּט־פּאָסטולאַטן פונ'ם ציוניזם — די איינשטעלונג, ערשטנס, אַז אַ אידישע מלוכה אין ארץ ישראל וועט לייזן די אידישע פראַגע אויך אין די לענדער פון דעם אַזוי־גערופענעם גלות און די איינשטעלונג, צווייטנס, פון „אויפ־זאַמלען" דעם גלות גופא, זיינען אין קאָנפליקט מיט דערווירקלעכקייט. האָבנדיג אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו מדינת ישראל — און וועגן דעם וועט גערעדט ווערן שפּעטער — איז קלאָר, אַז די אידישע פראַגע אין אמעריקע גופא, ווי אין אַנדערע לענדער, איז ניט געלייזט געוואָרן; פאַרקערט, זי איז צוליב אַ ריי סיבות, טיילווייז צוליב דער פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגירונג, פאַרשאַרפט געוואָרן. וואָס איז שייך „קיבוץ גליות", איז זינט דער גרויסער איבערוואַנדערונג קיין ישראל אין די ערשטע יאָרן פון דער עטאַבלירונג פון דער מדינה, די פּראָפּאָרציע פון אידן אין ישראל לגבי דער אידישער באַפעל־קערונג אין דער דיאַספּאָראַ („גלות") געבליבן ווי פאַרגליווערט: אומגעפער 20 פּראָצענט פון אידישן פאָלק אין מדינת ישראל און אַרום 80 פּראָצענט אויסער ישראל. די איינוואַנדערונג אין ישראל, באַזונדער די צאָל וואָס בלייבט דאָרטן, דעקט ווייט ניט דעם נאַטירלעכן וואוקס פון אידישן פאָלק אין די לענדער פון דער וועלט.

ס'איז קלאָר, אַז דער גורל פון די אידישע מאַסן אין אמעריקע, ווי אין אַנדערע לענדער, איז ענג פאַרבונדן מיט'ן גורל פון די אָרטיגע מאַסן; דאָ אין לאַנד — מיט'ן גורל פון די אַמעריקאַנער מאַסן. מיר זיינען דעריבער געגן דעם ציוניזם, ווייל ער זוכט צו אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פון די אידישע מאַסן צו די קאַמפן דאָ אויפ'ן אָרט. מיר זיינען אַלע מאָל געווען און זיינען עד היום געגן דער הרצל־איינשטעלונג, אַז דער אַנטיסעמיטיזם וועט אייביג זיין און אַז אידן ברענגען אַליין דעם אַנטיסעמיטיזם וואוהין זיי קומען. די טעאָריע פון אייביגן אַנטיסעמיטיזם איז אַ פאַטאַלע לגבי אידיש לעבן אומעטום, אויך לגבי מדינת ישראל גופא, וועלכע וועט ניט קאָנען ווי געהעריג זיך בויען, אָדער אפילו עקזיסטירן, אין אַ וועלט פון אייביגן

אנטיסעמיטיזם. די אנטוויקלונגען האָבן באַוויזן, אַז עס זיינען אין אַמעריקע פאַרצייכנט געוואָרן דערגרייכונגען אין פּרט פון באַפעסטיגן אידישע רעכט, ניט געקוקט אויף ערנסטע אַנטיסעמיטיזם־פּראָבלעמען, וואָס עקזיסטירן נאָך.

מיר זיינען געגנער פון׳ם ציוניזם, — און זאָל אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז אונזער געגנערשאַפט דריקט זיך אויך אויס אין אַ גרויסער מאָס אין אונזער דאָ׳איגקייט, אין דער איינשטעלונג פון בויען דאָ אַ געזונט אידיש לעבן. בויען די אידישע פאָלקס־קולטור. עס איז ניט גענוג צו זיין נאָר נעגאַטיוו צום ציוניזם, צו נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם, — און מיר זיינען עס. מען מוז אין דער זעלביגער צייט זיין פּאָזיטיוו צו אידיש לעבן, צו דעם אידישן פאָלק, צו מדינת ישראל; אַניט מוז דער דורכאויס־נעגאַטיווער קאַמף געגן ציוניזם אָננעמען פאַרקריפּלטע פאָרמען. געגנערשאַפט צום ציוניזם, ווי בכלל צום בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם, דיקטירט אויך קאַמף געגן נאַציאָנאַלן ניהיליזם.

דער אידישער חורבן

ווען מיר זאָגן, אַז מיר האָבן עד היום, ווי מיט פופציג יאָר צוריק, אַ געגנערישע שטעלונג צום ציוניזם, הייסט עס ניט, אַז עס האָט זיך גאָרניט געביטן אין פּרט פון טאַקטישן צוגאַנג אין משך פון די פופציג יאָר; הייסט עס ניט, אַז עס זיינען ניט געמאַכט געוואָרן קיין טעות׳ן אין דעם דאָזיגן קאַמף און אַז די דערפאַרונגען האָבן ניט געצוואונגען אַריינצוטראָגן קאָרעק־טיוון בנוגע אונזער שטעלונג. איך האָב אינזינען אונזערע ערנסטע טעות׳ן אין 1929, ווען עס זיינען אין דער אַמאָליגער פּאַלעסטינע פאָרגעקומען בלוט־טיגע געשעענישן. פאַר די טעות׳ן — און ווען דעם עטוואָס שפּעטער — האָט די פּראָגרעסיווע אידישע באַוועגונג (און ניט נאָר די אידישע) טייער באַצאָלט. אָבער נאָך אַ גרעסערע לעקציע, אַ היסטאָרישע לעקציע, האָט אונז געגעבן דער אידישער חורבן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דער דאָזיגער חורבן איז געווען, וואָלט איך געזאָגט, אַ שאַרפער שניט אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק, אַ מאָמענט פון גרויסן איבער־בראָך אויף אַ גאַנצער ריי געביטן. ווער עס האָט ניט געלערנט פון דער דאָזיגער גרוילהאַפטער דערפאַרונג, ווער עס איז ניט סענסיטיוו צו דעם און באַגרייפט ניט די סענסיטיווקייט פון אידישן פאָלק, פון מדינת ישראל, בנוגע דעם חורבן, דעם פאַרלוסט פון אַ דריטל פון אונזער פאָלק, איינגעשלאָסן העכער אַ מיליאָן קינדער, אין די באַבי יאַרס און אַשוויענ־טשימס, דער קאָן ניט האָבן קיין אָרט אין פאָלקס־אַרבעט צווישן די אידישע מאַסן.

„עפּעס" איז פאָרגעקומען אינ׳ם לעבן פון אידישן פאָלק — און אַזוי ביי אַנדערע פעלקער — אין משך פון דער הערשאַפט פון היטלער׳ן, ימח שמו. „עפּעס" איז פאָרגעקומען זינט דער היסטאָרישער רעדע פון דימיט־ראָוו׳ן, פאַר אַ פאָלקס־פראָנט, געגן בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם און — ניט צו פאַרגעסן! — געגן נאַציאָנאַלן ניהיליזם. „עפּעס" איז פאָרגעקומען זינט דעם פאַראייניגטן אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ, אָנגעפירט

פון קאָמוניסטן צוזאַמען מיט ציוניסטן פון השומר הצעיר און לינקע פועלי ציון. „עפּעס" איז פאַרגעקומען מיט'ן מגן דוד, וואָס איז אַמאָל איבערגע־נומען געוואָרן פונ'ם ציוניזם ווי אַ פּאַרטיי־סימבאָל, אָבער וועלכן דער היט־לעריזם האָט אַוועקגעשטעלט אויף דער געלער לאַטע פון יעדן אידן אין די געטאָס און טויט־לאַגערן און איז געוואָרן אַ סימבאָל פון אידישע ליידן און אידישער גבורה. נאָכדעם איז דער מגן דוד געוואָרן דער סימבאָל פון דער אידישער מלוכה. אויך דאָ מוז זיין סענסיטיוויטעט, און די וואָס באַנוצן דעם מגן דוד פאַר אַלערליי ניט־דערלאָזבאַרע קאַריקאַטורן, מוזן זיך, ווילנדיג צי ניט־ווילנדיג, אַראָפּקייקלען צו אויסדרוקן פון אַנטיסעמיטיזם.

זינט ווען האָט זיך געביטן?

עס איז אַן ערנסטער טעות צו מיינען, אַז די ענדערונגען אין דער טאַקטיק בנוגע דעם ציוניזם זיינען געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון דער 6־טאָגיגער מלחמה. דערלויבט מיר צו ציטירן עטוואָס פון מיינע באַריכטן אויף פריערדיגע „מאָרגן־פרייהייט" צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן. אין מיין באַריכט צום צוזאַמענפאָר אין יאַנואַר 1957, וואָס איז אַרויס אין אַ בראָשור: „אידיש לעבן אין אַמעריקע", זאָגט זיך אויף זייטן 20־21:

„אין פּרט פון ציוניזם דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דאָ זיינען מצד דער 'מאָרגן־פרייהייט' און פּראָגרעסיווע עלעמענטן בכלל באַגאַנגען געוואָרן ערנסטע טעות'ן. מיר וואַרפן, פאַרשטייט זיך אָפּ די בלבולים, אַז די 'מ. פ.' האָט אין 1929 כלומרשט געשטיצט פּאָגראָמען אויף אידן"... „אָבער אמת איז, אַז סעקטאַנטישע לאָזונגען זיינען אַרויס־גערוקט געוואָרן. אמת איז, אַז דעמאָלט און אַ לאַנגע צייט שפּעטער איז געפירט געוואָרן אַ קאַמף געגן ציוניסטן בכלל, ניט מאַכנדיג קיין אונטערשייד צווישן איין ציוניסטישער ריכטונג און אַן אַנדערער, צווישן איין ציוניסטישן פירער און אַן אַנדערן, לייגנדיג אויף אַלץ און אַלעמען דעם שטעמפּל: אימפּעריאַליזם".

„...די 'מ. פ.', לערנענדיג פון די דערפאַרונגען האַלט, אַז דער צוגאַנג פון יענע, וואָס באַטראַכטן דעם ציוניזם, ווי עפּעס אַן אינ־טערנאַציאָנאַלע פאַרשווערונג, אָדער ווי אַ סטראַשידלע, איז אַ פאַלשע און אַ שעדלעכע. עס איז נויטיג, נאָכאַמאָל, צו דיפערענצירן צווישן איין ציוניסטישער ריכטונג און אַן אַנדערער, צווישן נאָכפאָלגער און פירער, און אויך צווישן פירער און פירער. מען דאַרף אינזינען האָבן, אַז צוזאַמען מיט אַ ריי פאַרשטייער פון דער אידישער רעליגיע, האָבן אַ ריי פאַרשטייער פונ'ם ציוניזם אין אַמעריקע פאַרנומען אַ פּאָזי־טיווע שטעלונג אינ'ם קאַמף פאַר ציווילע רעכט, געגן סעגרעגאַציע, געגן מעקאַרטיזם, געגן מעקאַרען־וואָלטער אַקט, און אַפילו געגן מעקאַרען־אַקט און סמיט־אַקט".

אין אַ באַריכט אויף אַ „מאָרגן־פרייהייט" קאָנפערענץ אין פעברואַר 1958, וואָס איז אַרויס אין אַ בראָשור: „אין דינסט פון פאָלק", ווערט די

שטעלונג ווידערהאַלט. און אַזוי אין מיין באַריכט אויף'ן „מ. פ." צוזאַמענ־פאָר אין יאַנואַר 1960, וואָס איז אַרויס אין אַ בראָשור: „אידן אין אַמע־ריקע", און אין אַ באַריכט אויף אַ קאָנפערענץ פון פּראָגרעסיווע אידישע אָרגאַניזאַציעס אין פעברואַר 1961, וואָס איז אַרויס אין אַ בראָשור: „ישראל, ציוניזם און אַמעריקאַנער אידן". אין דער בראָשור, אויף זייטן 18-19, רעדנדיג וועגן דעם יאָר 1897, ווען ס'איז געבאָרן געוואָרן דער פּאָליטישער ציוניזם און דער „בונד", זאָגט זיך:

„די צוויי שטראָמען אין אידישן לעבן, דער סאָציאַליסטישער און דער ציוניסטישער, האָבן געהאַט איין קוואַל — די צרות און ליידן פון די אידישע מאַסן. עס איז געווען אַ צייט פון פאַרפאָלגונגען, גזירות, תחום המושב, פּאָגראָמען. אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב האָט פּאַר דעם געווירקט דער דרייפוס־פּראָצעס. די אידישע מאַסן האָבן געזוכט אַן אויסוועג. דער סאָציאַליזם האָט געווירקט אין דער ריכטונג פון קאַמף, באַפרייאונג אויפן אָרט; דער ציוניזם, וואָס די אידעאָלאָגן זיינען געקומען פון דער בורזשואַזיע, אָדער קליינבירגער־טום, האָט געפירט אַוועק פון קאַמף. ארץ ישראל האָט געזאָלט זיין די לייזונג, וויינינגסטנס — די הויפּט־לייזונג.

„וואָס איז שייך די אידישע מאַסן, וועלכע זיינען באַאיינפלוסט געוואָרן פונ'ם ציוניזם, האָבן זיי געהאַט בלויז איין ציל — זיך ראַטע־ווען פון צרות און אומגליקן. דאָס איז וויכטיג צו אונטערשטרייכן, — ניט געקוקט דערויף, וואָס עס איז קלאָר, אַז די בורזשואַזיע און די פאָרשטייער פון דער אַלגעמיינער רעאַקציע האָבן געזוכט אויסצונוצן דעם ציוניזם, כדי אָפּצורייסן די מאַסן פונ'ם קאַמף אויפ'ן אָרט".

מען מוז דיפערענצירן!

איר האָט אין די אַלע באַריכטן, ווי אויך אין דעם באַריכט צום „מאָרגן־פרייהייט" צוזאַמענפאָר אין פעברואַר 1962, איין ליניע, וואָס מיר פאָלגן נאָך ביז היינטיגן טאָג. צוליב אַ גאַנצער ריי אַנטוויקלונגען נאָך דער 6־טאָגיגער מלחמה און אַ גאַנצער ריי שעדלעכע פאַרקריפּלונגען, איז נויטיג צו אונטערשטרייכן דאָס, וואָס מיר האָבן אַלע אָנגענומען אין 1957, אָננע־מענדיג מיין באַריכט, אַז — „דער צוגאַנג פון יענע, וואָס באַטראַכטן דעם ציוניזם, ווי עפּעס אַן אינטערנאַציאָנאַלע פאַרשווערונג, אָדער ווי אַ סטראַשו־נאָק, איז אַ פאַלשע און שעדלעכע. עס איז נויטיג, נאָכאַמאָל, צו דיפערענ־צירן" — און אַזוי ווייטער.

דיפערענצירן! די ציוניסטישע באַוועגונג באַשטייט פון פאַרשיידענע ריכטונגען. נאָכאַמאָל — „דיפערענצירן צווישן איין ריכטונג און אַן אַנ־דערער, צווישן נאָכפאָלגער און פירער, און אויך צווישן פירער און פירער"; זוכן מיטצואַרבעטן מיט ציוניסטן אין קאַמף געגן מלחמה, ראַסיזם, פאַר דער יו־ען רעזאָלוציע בנוגע דעם מיטל־מזרח. ווער עס באַגרייפט דאָס ניט, ווער עס גייט צו צו דעם ענין דאָגמאַטיש, וואַרפט אַריין אַלעמען

אין איין טאפ, דער גראבט אונטער דעם קאמף געגן אימפעריאליזם, שאוויניזם און רעאקציע צווישן די אידישע מאסן; דער פאר׳משפט צום טויט אלע פארזוכן אין אמעריקאנער אידישן ישוב, וואס פארמאגט אן ערך 700 טויזנט מיטגלידער אין די פארשיידענע ציוניסטישע גרופירונגען, איינגעשלאסן „הדסה״, וואס צוזאמען מיט זייערע משפחות מאכן זיי אויס מינימום א צוויי מיליאן פון אידישן ישוב, — דער פאר׳משפט צום טויט אלע פארזוכן צו שאפן אינ׳ם ישוב א ברייטן פאראייניגטן דעמאקראטישן פראנט; דער שפילט אריין אביעקטיוו אין די הענט פון רעאקציע און אימפעריאליזם. אפגערעדט שוין, אז מ׳דארף שארף אפווארפן מעטאדן פון באנוצן זיך מיט עפיטעטן: „ציוניזם״, „ציוניסטן״, ווי זידלערייען אויפן אדרעס פון פראגרעסיווע מענטשן, געגנער פונם ציוניזם, וואס האבן אינזינען דאס שאפן אזא פאראייניגטן פראנט צווישן אידן. דאס דערמאנט אין אמאליגע פראקציאנאליסטישע מעטאדן, וואס קאנען נאר אונטערגראבן די גאנצע פראגרעסיווע באוועגונג, ניט בלויז די אידישע. עס מוז ווי דאס שווארצאפל פון אויג אפגעהיט ווערן די איינהייט פון דער פראגרעסיווער באוועגונג און די גאנצקייט פון פראגרעסיווע אינסטיטוציעס. יעדע דיסקוסיע וועגן חילוקי דעות מוז האבן אונטער זיך א קארעקטע, פרינציפיעלע באזע, אין אן אטמאספערע פון צוטרוי און חבר׳שאפט.

קאמף געגן אנטיסעמיטיזם

זאל דא, צום סוף פון דעם ענין ציוניזם, ווידער געווארנט ווערן, אז א שטעלונג געגן ציוניזם טאר ניט זיין בלויז נעגאטיוו, נאר מוז באגלייט ווערן, גלייכצייטיג, מיט א פאזיטיוון צוגאנג צו דער ארבעט פון בויען א געזונט אידיש לעבן, בויען די פראגרעסיוו־וועלטלעכע אידישע קולטור, מיט א פאזיטיוון צוגאנג צו מדינת ישראל. און נאך וואס: פירט מען א קאמפאניע געגן ציוניזם, מוז מען גלייכצייטיג פירן א קאמפאניע געגן אנטיסעמיטיזם.

דעם קאמף געגן אנטיסעמיטיזם דארף מען בכלל אינזינען האבן. פראגרעסיווע מענטשן, קעמפער געגן ראסיזם, מוזן דעם קאמף אינזינען האבן — ניט „טעארעטיש״, נאר אין דער פראקטיק, אינם גאנג פון טאג־טעגלעכע פאסירונגען, — אט ווי לענין האט געגן דעם אנטיסעמיטיזם געקעמפט, סיי טעארעטיש טאקע, אויפקלערנדיג די מאסן וועגן דער געפאר פון אנטיסעמיטיזם און סיי אין דער פראקטיק. פירט מען אבער א קאמפאניע געגן ציוניזם, מוז מען (מוז מען!) גלייכצייטיג קעמפן געגן אנטיסעמיטיזם. די קאמפאניע געגן ציוניזם גופא מוז געפירט ווערן אידעאלאגיש, אויף א הויכן פאליטישן ניווא, אויף א שטייגער וואס זאל אויפקלערן די מאסן און ניט אנטאגאניזירן. אניט איז דא די געפאר עס זאל זיך באקומען א בומעראנג: די קאמפאניע זאל העלפן דעם ציוניזם, זאל ארויסרופן נאציאנאליזם, שאוויניזם; אניט איז דא די געפאר, אז די קאמפאניע זאל אויסגעטייטשט ווערן ווי אן אנטיסעמיטישע, אדער זאל טאקע, צוליב שארפע, עקסטרעמע פארמען,

אַנגעמען אַן אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער. געדענקען דאַרף מען, אַז פאַרשיי־דענע אַנטיסעמיטישע אויסגאַבן אין אַמעריקע — „קאַמאַן סענס" און אַנ־דערע — פירן די לעצטע יאָרן זייער אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע אונטער דער מאַסקע פון אַנטי־ציוניזם.

די דערפאַרונגען מיט אַנטי־רעליגיעזע קאַמפּאַניעס, געגן דער אידישער רעליגיע, מיטן יאָרן צוריק, האָבן באַוויזן, אַז ווען זיי זיינען ניט געפירט געוואָרן פאַרזיכטיג, מיט סענסיטיוויקייט צו דער פראַגע, האָבן זיי, אפילו נים ווילנדיג, אָנגענומען אַן אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער. דאָס זעלביגע מוז מען אינזינען האָבן בנוגע אַנטי־ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע: פירן זי אויף אַ אידעאָלאָגישן שטייגער, אויפקלערעריש, אויף אַ הויכן פּאָליטישן ניוואָ — און גלייכצייטיג אַרויסטרעטן געגן אַנטיסעמיטיזם, און דערביי זיין פּאָזיטיוו צו אידיש לעבן, פּאָזיטיוו צו מדינת ישראל, צו איר רעכט אויף עקזיסטענץ און אויף אָנערקענונג מצד אירע שכנים.

מדינת ישראל און די אַראַבישע לענדער

די שטעלונג זינט 1948

אין מיין באַריכט צום „מאָרגן פרייהייט" צוזאַמענפאָר אין יאַנואַר 1957 („אידיש לעבן אין אַמעריקע"), זאָגט זיך אויף זייט 22:

„אין אונזער באַריכט צו דער „מאָרגן־פרייהייט" קאָנווענשאָן ערב דעם 30טן יובילײ פון אונזער צייטונג (אין 1952) איז דער־קלערט געוואָרן: 'אונזער שטעלונג צו מדינת ישראל האָט זיך ניט געביטן זינט דער צייט ווען מיר האָבן געקעמפט פאַר אַ געהעריגער לייזונג אין דער יו"ען און געזוכט צו מאָביליזירן הילף אין דער מלחמה (פון 1948), וואָס מ'האָט אויף ישראל אַרויפגעצוואונגען'. איצט, דאָ, שטרייכן מיר אונטער: אונזער שטעלונג האָט זיך בפירוש ניט גע־ביטן! די „מ. פ." הערט ניט אויף צו דערמאָנען, אַז ישראל איז געבאָרן געוואָרן אַ דאַנק דעם אויפשוואונג פון די אַנטי־אימפּעריאַ־ליסטישע קרעפטן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה"... „מדינת ישראל איז געבאָרן געוואָרן אין אַ פּראָגרעסיוון קאַמף פון דעם פאָלק פון ארץ ישראל, מיט דער הילף פון פאָרגעשריטענע מענטשן אומע־טום. דאָס איז געווען אַ וויכטיגע היסטאָרישע פּאַסירונג בכלל, און פאַר אידן בפרט. די 'מ. פ.' הערט ניט אויף אַרויסצורוקן דעם לאָזונג: ישראל איז געקומען צו פאַרבלייבן! עס מוז קלאָר געמאַכט ווערן פאַר אַלע מלוכות און באַזונדער פאַר די אַראַבישע מלוכות, אַז ישראל איז דאָ און וועט זיין!".

אָט דעם צוגאַנג, פון צוואַנציג יאָר צוריק, צום 30טן יובילײ פון דער „מאָרגן־פרייהייט", אין 1952, און פון 1957, גייט דורך ווי אַ ריכט־שנור דורך אַלע אונזערע אַרויסטרעטונגען. איך וועל נאָר אָנדייטן אויף נאָך עטוואָס אין אַ פריערדיגן באַריכט. אין מיין בראָשור „ישראל, ציוניזם און אַמעריקאַנער אידן", אַ רעפעראַט פאַר אַ צוזאַמענקונפט פון פאָרשטייער פון די פּראָגרעסיווע אידישע אָרגאַניזאַציעס אין פעברואַר 1961, האָב איך זיך פאַררופן אויף נאַסער'ס אַרויסטריט אין דער יו"ען, אין סעפּטעמבער 1960, פאַר דער פאַרניכטונג פון מדינת ישראל, און אָנגעוויזן, אַז די „מאָרגן־פריי־הייט" האָט דעם 29טן סעפּטעמבער 1960 אָפּגעדרוקט אַן עדיטאָריעל (לייט־אַרטיקל), פאַרדאַמענדיג נאַסער'ן פאַר דעם אַרויסטריט.

אונזער שטעלונג צו מדינת ישראל האָט זיך פונדאַמענטאַל בפירוש ניט געענדערט זינט 1948 און נאָך פריער. אויף דעם געביט, ווי אויף אַנדערע

געביטן, האָבן מיר כסדר געהאַט אַ באַלאַנסירטן צוגאַנג, ניט קיין איינזייטיקן. אונזער לאַנגיאָריקער קאַמף געגן שאָוויניזם האָט זיך אַלע מאָל באַצויגן אויף ביידע זייטן, סיי אויף ישראל און סיי אויף די אַראַבישע לענדער. די נייע סיטואַציע, וואָס איז אַנגעשטאַנען אין מיטל־מזרח די לעצטע צייט, האָט עס באַשטעטיקט — טראַגיש באַשטעטיקט, דאַרף מען זאָגן.

ענדערונגען אין די אַראַבישע לענדער

מיר ווילן באַלד רעדן וועגן אַן ענדערונג צום ערגערן אין ישראל. לאָמיר פריער באַטראַכטן געוויסע ענדערונגען אויף דער אַראַבישער זייט.

איין פאַזע פון דער נייער סיטואַציע שטעלן פאָר מיט זיך די געשעענישן אין סודאַן און אַנדערע אַראַבישע לענדער, די בלוטיקע פאַרפאָלגונגען אויף קאָמוניסטן און בכלל פּראָגרעסיווע עלעמענטן. עס איז דורכדעם באַשטעטיקט געוואָרן, אַז ס׳איז געווען אַן ערנסטער טעות צוצוגיין אויף אַ ניט־דיפערענצירטן אופן צו די אַראַבישע לענדער און ניט צו זען, אַז זייער פאַראייניקונג בנוגע ישראל — אויף וויפיל זיי קאָנען זיך פאַראייניקן — איז געווען אַ פּאַן־אַראַביש שאָוויניסטישע און ניט קיין אויסגעשפּראָכן אַנטי־אימפּעריאַליסטישע. עס איז פּשוט ניט פאַרשטענדלעך ווי אַזוי מ׳האָט אין געוויסע קרייזן ניט געוואָלט איינזען, וואָס אין די אַראַבישע לענדער קומט פאָר און אַפילו אונטערדריקט די נייעסן וואָס זיינען דערשינען, — למשל, אין אַזאַ זשורנאַל ווי „וואָרלד מאַרקסיסט רעוויו" („פּראָבלעמען פון שלום און סאָציאַליזם") אין אויגוסט 1970 און אין אַפּריל 1971, וועגן מערדערייען אויף קאָמוניסטן אין איראַק. מ׳האָט ניט געוואָלט זען די פאַרפאָלגונגען אויף די קורדן אין דעם לאַנד, ווי אויף די שוואַרצע אין סודאַן, אַלץ כדי אָנצוהאַלטן אַ סימפּליפיצירטע איינשטעלונג, אַז די אַראַבישע וועלט איז ווי פון איין גוס אַנטי־אימפּעריאַליסטיש. מ׳האָט ניט געוואָלט זען די איסלאַמיש־נאַציאָנאַליסטישע און שאָוויניסטישע קרעפטן, וועלכע האָבן באַוויזן זייערע ציין נאָך פאַר די מאַסן־שחיטות אין סודאַן, אין יולי (1971) ווען עס איז דערמאָרדעט געוואָרן דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַבדול כאַלעק מאַדזשוב, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער טרעיד יוניאָן פעדעראַציע, שאַפי אַכמעד על־שייך און פיל אַנדערע, אין אַ מאַסן בלוט־באַד, וואָס האָט געשטאַרקט די קרעפטן פון אימפּעריאַליזם און זיינע אַגענטן אין סודאַן, ווי אין אַנדערע אַראַבישע לענדער.

עס איז גוט באַקאַנט, אַז פּרעזידענט סאַדאַט פון עגיפּטן האָט געהאַט אַ דירעקטע שייכות אין העלפן ראַטעווען דעם סודאַנער הענקער נימעירי אין יולי, נאָכדעם ווי ער, נימעירי, איז צייטווייליק אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן. באַזונדער האָט זיך דאָ אויסגעצייכנט דער הערשער פון ליביע, קאַדאַפי, וועלכער איז מיט רעכט געשטעמפּלט געוואָרן אין אַ באַריכט אין דעם אָרגאַן פון דער בריטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, „מאָרנינג סטאַר", ווי אַ פאַשיסט. אַט דער קאַדאַפי איז איצט איינער פון דעם טריאומוויראַט אין דער ניי־געשאַפענער פעדעראַציע פון עגיפּטן, ליביע און סיריע, צוזאַמען מיט סאַדאַט׳ן און דעם פּרעזידענט פון סיריע, אַסאַד.

איסלאַמישער נאַציאָנאַליזם און „אַל פאַטאַה"

אין מיין בראָשור „די נאַציאָנאַלע און אידישע פראַגע אין איצטיגן מאָמענט" קומט מיר אויס, אויף זייט 37, צו ציטירן פון אַן אַרטיקל אין דער מאָסקווער „איזוועסטיאַ", אין 1968, וואו עס איז געוואָרנט געוואָרן — אַז דער נאַציאָנאַליזם, וועלכער איז אַ פּראָגרעסיווער עלעמענט אין די לענדער פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, ווערט אויך גענוצט פון רעאַקציאָנערן; אַז צוזאַמען מיט דעמאָקראַטישע טענדענצן דאָרטן, „פאַרמאָגט דער נאַציאָנאַליזם אַ רעאַקציאָנערע זייט". מ. מירסקי, אין אַן אַרטיקל אין „פריי ישראל" פון 6טן אָקטאָבער, דערמאָנט אין דער וואָרנונג פון לענין'ען אויפ'ן 4טן קאָנגרעס פון קאָמינטערן, מ'זאָל זיך ניט נאָכשלעפּן נאָך דעם איסלאַמישן נאַציאָנאַליזם. דאָס איז לײדער ניט גענומען געוואָרן אין אַכט. ווען מ'וואָלט באַצייטנס אַרויסגעטראָטן געגן די לאָזונגען פון „אָפּווישן" מדינת ישראל און באַגריפן, אַז אַזוי האַנדלען נאָר שאָוויניסטן און ניט קיין אמת'ע אַנטי־אימפּעריאַליסטן, וואָלט אפשר צו דעם איצטיגן קריזיס ניט געקומען.

עס איז אָן שום ספק, אַז עס מוז איצט אין אַ היפּשער מאָס אויף דאָס ניי איבערגעשאַצט ווערן די סיטואַציע און אַז מען מוז באַגרייפן, אַז דער איסלאַמישער נאַציאָנאַליזם, דער שאָוויניזם, שטעלט אין געפאַר די גאַנצע נאַציאָנאַל־באַפרייערישע באַוועגונג פון די אַראַבישע פאָלקס־מאַסן.

נאָך אַ נייער עלעמענט אין דער מיטל־מזרח סיטואַציע איז דער פאַנאַנדערפאַל פון „אַל פאַטאַה" און די אַנדערע אַזוי־גערופענע גערילאַ אָרגאַניזאַציעס, — אָט די, וועלכע האָבן ערשט ניט לאַנג צוריק געהאַט אַזוי פיל סימפּאַטיע צווישן „ניי־לינקס" און טיילווייז אויך צווישן עלעמענטן פון אַלט־לינקס. עס איז באַוויזן געוואָרן די פּשוט'ע זאַך, אַז דורך טעראָר און דורך פאַרמעסטן זיך צו פאַרניכטן אַן אַנדער לאַנד, קאָן מען ניט דערגרייכן דעם אויפבוי פון דעם אייגענעם פאָלק.

אָנערקענענדיג דאָס, טאָר מען אָבער אין דער זעלביגער צייט ניט אויפהערן באַגרייפן, אַז אין אַן אמת'ער לייזונג פונם מיטל־מזרח קריזיס מוז קומען אַ נאַציאָנאַלע לייזונג פאַר די פּאַלעסטינער אַראַבער, אַ לייזונג פאַר די פּליטים.

ערגערע סיטואַציע אין ישראל

אַ נייע סיטואַציע, אַ פאַרערגערונג, האָבן מיר אויך בנוגע ישראל. וואָס לענגער עס האַלט אָן די אָקופּאַציע פון די אַראַבישע געביטן אַלץ מער שטאַרקן זיך די עלעמענטן, וואָס זיינען פאַר איינהאַלטן די דאָזיגע געביטן. די עלעמענטן געפינען זיך ניט נאָר אין דער מנחם בעגין פּאַרטיי און ענלעכע אויסגעשפּראָכן אַנעקסיאָניסטישע קרייזן, נאָר דעקן זיך אויף אַלץ מער אין דער ישראל־רעגירונג גופא. אַזוי איז דער זיכערקייט־מיניסטער משה דיין ניט לאַנג צוריק אַרויסגעקומען מיט דער דערקלערונג, אַז איידער שלום אָן שאַרם על שייך, וויל ער בעסער שאַרם על שייך אָן שלום. איצט איז ער

ארויסגעקומען מיט דער דערקלערונג, אז עס דארף איינגעשטעלט ווערן א פערמאנענטע ישראל־מאכט אויף די פארנומענע געביטן. פרעמיער גאלדע מאיר האט זיך באגרעניצט מיט דער מעלדונג, אז משה דיין האט זיך ניט געהאט פארשטענדיגט וועגן דעם מיט דער רעגירונג, — בעת זי אליין זעצט פאר די ליניע פון שאפן זידלונגען, קאלאניעס, אויף די פארנומענע געביטן. דאס באדייט — פאקטישע אנעקסיע!

ס'וועט ניט שאדן דא צו באמערקן, אז עס וואלט געווען א טעות ווען מ'זאל דורך דער איצטיגער האנדלונג פון דער ישראל־רעגירונג זוכן צו פעסטשטעלן דעם כאראקטער פון דער זעקס־טאגיגער מלחמה אין יוני 1967. ס'איז ניט מיין כוונה דא צו באהאנדלען יענע מלחמה — דאס איז ניט אויף דער טאג־ארדענונג! — אבער עס איז ניט ריכטיג צו זאגן, אז די איצטיגע פאליטיק פון א רעגירונג באשטעטיגט אומבאדינגט דעם כאראקטער פון דער פאליטיק, וואס דאס לאנד האט פריער געפירט. אין יעדער נאציאנאלער מלחמה, אויך אין א גערעכטער מלחמה, טרעטן אריין פארשיידענע עלעמענטן. נעגאטיווע עלעמענטן קאנען זיך פריער געפינען אין הינטערגרונט און שפעטער קאנען זיי זיך ארויסרוקן; א פאזיטיווער עלעמענט פריער קאן זיך שפעטער פארוואנדלען אין א נעגאטיוון. אזוי איז געווען דא אין אמעריקע בנוגע דער מלחמה געגן היטלער'ן, א גערעכטע מלחמה. שפעטער האבן זיך ארויסגערוקט די טרומאנס, אטשעסאנס און נאך דינער פון אימפעריאליזם, צוזאמען מיט אנדערע. זיי זיינען פריער אויך געווען, אבער זיי האבן נאך דער מלחמה געקראגן די אויבערהאנט.

די זעקס־טאגיגע מלחמה איז ניט די פראגע פאר אונז — שוין לאנג, אז זי שטייט ניט פאר אונז. נאך מיט פיר יאר צוריק, דעם 3טן אקטאבער 1967, האבן מיר דערקלערט: אלע וואס זיינען געגן שאוויניזם און אנעקסיע, אלץ איינס וועלכע מיינונג זיי זאלן ניט האבן וועגן דעם זעקס־טאגיגער מלחמה, דארפן זיך פאראייניגן אויף דער באזע פון דער יו־ען רעזאלוציע פון 22טן נאוועמבער 1967, — וועלכע מיר האבן אנערקענט פון סאמע אנהויב!

געגן שאוויניזם און אנעקסיע

ווי אזוי אבער שאפט מען אזא פאראייניגונג צווישן די אידישע מאסן? ס'איז דאך קלאר, אז וואס שייך דער איבערוועגנדיגער מערהייט פון די אידישע פאלקס־מאסן, האלט זי, אז מצד ישראל איז דאס געווען א פארטיידיגונג־מלחמה. דער פארזוך ארויסצורוקן איצט די ליניע, אז דאס איז געווען אן אגרעסיווע מלחמה, קאן נאר אונטערגראבן יעדע מעגלעכקייט פאר א פאראייניגטן, ברייטן דעמאקראטישן פראנט, וואס איז אומבאדינגט נויטיג, דא אין לאנד ווי אין ישראל, אין קאמף פאר דער יו־ען רעזאלוציע, געגן אנעקסיע, פאר דער צוריקציאונג פון דער ישראל־ארמיי צו „געזיכערטע און אנערקענטע גרעניצן", נאך אונטערהאנדלונגען און שלום.

עס זיינען פאראן אזעלכע עלעמענטן אויך צווישן ציוניסטישע ריכטונגען. אין פארבינדונג דערמיט וועל איך זיך עטוואס אפשטעלן אויף אן

ארטיקל אינ'ם אויגוסט־נומער (1971) פונם זשורנאל „ניו אוטלוק", ארויס־געגעבן פון מאפאם אין ישראל — אן ארטיקל, פון פראפעסאר **יהושע אריעלי** פון ירושלים'ער אוניווערזיטעט, פון וועלכן איך וועל ברענגען נאר א פאר ציטאטן. ער שרייבט:

„די לאגע שטעלט אוועק די מדינה אין א פערמאנענטן אויסנאם־צושטאנד, צווינגט ארויף אן אומאויפהערלעכן וואפן־געיעג, וואס פרעסט אויף די מאטעריעלע, סאציאלע, פאליטישע, פסיכאלאגישע און מאראלע רעסורסן פונ'ם לאנד און פארשטארקט די אפהענגיגקייט פון דער אינטערנאציאנאלער סיטואציע און א פארזעצונג פונ'ם קאנפליקט פון די סופער־מאכטן.

„די לאגע האמעוועט די פאליטישע און סאציאלע אנטוויקלונג און ווארפט אונטער דאס לאנד אונטער'ן חסד פון דער מלחמה־צייט פירערשאפט און מלחמה־צייט ארגאניזאציאנעלע פארמען.

„...דאס צווינגט ישראל צו הערשן איבער א גרויסער נאציאנאלער מינדערהייט, וועלכע האט ניט קיין רעכט, און באשאפט די ראמען פאר א פראטא־קאלאניאלער פאליטיק, אלץ איינס ווי הומאניסטיש און ראציאנעל זי זאל ניט זיין. דאס איז א סיטואציע וואס מוז אומפארמיידלעך קארופטירן סיי די הערשער און סיי די באהערשטע".

ניט קיין וואונדער, וואס דער דיכטער ז. **יזהר** איז ניט לאנג צוריק ארויסגעקומען אין „דבר" מיט'ן געשריי, אז ניט אזא ישראל האט ער זיך פארגעשטעלט. דאס דערמאנט אין דעם זאג פונ'ם פארשטארבענעם פועלי־ציון פירער חיים גרינבערג, לאנג צוריק, אז „מלוכה צוליב מלוכה" איז ניט געגוג, עס דארף זיין א מלוכה מיט יושר. די אומאויפהערלעכע סטרייק־כוואליע אין ישראל באווייזט וועלכן יושר די ארבעטער און די ארימע בכלל קריגן. אט די ליניע, פון כלומרשט אן ארבעטער רעגירונג — לטובת די רייכע, איז פון איין שניט מיט איר פאליטיק בנוגע די פארנומענע געביטן.

סאלידאריטעט מיט ישראל־מאסן

געטריי צו אונזער באלאנסירטן צוגאנג פארזען מיר קיינמאל ניט די שוועריגקייטן אויף דער אראבישער זייט. אבער אפילו אין דעם נאר־וואס דערמאנטן זשורנאל — א זשורנאל פון דעם מאפאם — א פארטיי, וואס איז פארטראטן אין דער רעגירונג — ווערט אנגעוויזן, אינ'ם ארטיקל פון פראפ. אריעלי, אז די גאלדע מאיר־רעגירונג „האט ניט ערנסט צוגעגרייט דעם באדן פאר שלום" און עס ווערט אונטערשטראכן, אז שלום קאן ניט גיין צוזאמען מיט אנעקסיע.

אט מיט אזעלכע און אנדערע עלעמענטן, דא אין לאנד און אין ישראל — מאפאם־ציוניסטן, גאלדמאן־ציוניסטן, לעליוועלד־ציוניסטן, אדער ווער זיי זאלן ניט זיין, צוזאמען מיט געגנער פון ציוניזם — וועלכע האבן, מוזן האבן, א פאזיטיווע באציאונג צו ישראל, — מוז איינגעשטעלט ווערן א וואס ברייטערע איינגקייט, אויף דער באזע פון דער יו־ען רעזאלוציע 242,

צו דערשלאָגן זיך, אַז אונטערהאַנדלונגען זאָלן זיך וואָס גיכער אָנהויבן אונטער דער אָנפירונג פון דעם יו־ען פאָרשטייער, דר. גונאַר יאַרינג.

איך קאָן דאָ ברייטער אין דער זייער קאָמפּליצירטער פראַגע פון מיטל־מזרח ניט אַריינגיין, — בלויז אַ פּאָר פּונקטן דאַרף מען נאָך אונטערשטרייכן. אַז די אידישע פאָלקס־מאַסן זיינען איבערגעגעבן דעם קאַמף פאַר דער זיכערקייט פון מדינת ישראל און ווילן העלפן ישראל זיך בויען, איז קלאָר. זיי באַטראַכטן, מיט רעכט, דעם ענין מדינת ישראל ווי אַ זאַך פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ. די פּראָגרעסיווע אידישע עלעמענטן זוכן צו העלפן ישראל דער עיקר דורך אַ קאַמף פאַר געהעריגער פּאָליטישער איינשטעלונג, דורכ'ן קאַמף פאַר שלום. אָבער ווי אַן אויסדרוק פון סאָלידאַריטעט מיט די ישראל־מאַסן ווערט געטאָן געוויסע הילפס־אַרבעט. אין מיינע באַריכטן נאָך מיט יאָרן צוריק האָב איך אָנגעוויזן אויף דער פּאָזיטיווער ראָל פון דעם ראובן בריינין קליניק קאָמיטעט, פאַר'ן ראובן בריינין קליניק אין תל אביב־יפו (איך בין דאָרט צוויי מאָל געווען און יעדעס מאָל געשריבן וועגן דער אינסטיטוציע, פיל מאָל גערעדט פאַר איר) ; די קלובן און סאָסייעטיס און די עמאַ לאַזאַרוס פרויען־פעדעראַציע זיינען פאַראינטערעסירט אין הילף פאַר קינדערהיימען ; דער יד חנה קאָמיטעט האָט דורכגעפירט וויכטיגע פונקציעס פאַר דעם יד חנה קיבוץ ביי דער ירדן־גרעניץ.

ניט בויען אויף וואַשינגטאָן

נאָך אַ פּונקט. די דערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז ישראל קאָן ניט און טאָר ניט בויען אויף וואַשינגטאָן. די אַנטווישונג מיט וואַשינגטאָן איז איצט אַ גאַנץ אָפענע אין ישראל, ווייל וואַשינגטאָן האָט דער עיקר אינזינען אייגענע אינטערעסן, אימפּעריאַליסטישע. פון דער אַנדערער זייט, וועלכע אויסזיצונגען עס זאָלן ניט זיין בנוגע דער סאָוועטישער שטעלונג, איז קלאָר אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איבט כסדר אויס אַ שטאַרקן דרוק פאַר אַ פּאָליטישער לייזונג, געגן אַ באַנייטער מלחמה. אַ דאַנק דעם דרוק, אויף עגיפּטן, איז געקומען דער פייער־איבעררייס אין אויגוסט 1970 ; אַ דאַנק דעם דרוק האָט פּרעזידענט סאַדאַט געענטפערט אין פעברואַר, אַז ער איז גרייט צו שליסן שלום מיט ישראל — אַלץ איינס וועלכע מאַנעוורעס ער זאָל ניט האָבן געמאַכט פריער, אָדער נאָכדעם. נאָר־וואָס, אויף זיין באַזוך אין אַלזשיריע, האָט פּרעמיער קאָסיגין געענטפערט די דאָרטיגע אַנטי־ישראל'דיגע פייער־שלינגער, אַז עס מוז זיין אַ פּאָליטישע לייזונג, ניט קיין מלחמה! אויף סאַדאַט'ס איצטיגן באַזוך אין מאָסקווע (אָקטאָבער 1971) איז אַזאַ לייזונג אונטערגעשטראָכן געוואָרן.

די לעצטע צייט האָבן מיר געזען קלאָרע פאַרזוכן פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד צו באַנייען די באַציאונגען מיט ישראל. פאַר אַזאַ באַנייאונג איז נויטיג אַ געהעריגע, ווייניגסטנס קאָרעקטע, באַציאונג פוןביידע צדדים. אויך די ישראל רעגירונג דאַרף מאַכן אַזעלכע פאַרזוכן. דאָס באַדייט — אויפהערן די אַנטי־סאָוועטישע קאַמפּאַניע, וואָס האָט אין געוויסע צייטן אָנגענומען ממש פּאַטאָלאָגישע פאָרמען. פאַר דער 6־טאָגיגער

מלחמה האָבן מיר כסדר געזאָגט, אַז ישראל דאַרף פירן אַ זעלבשטענדיגע פּאָליטיק, אַ פּאָליטיק פון פריינטשאַפט סיי מיט מזרח און סיי מיט מערב. דאָס איז גילטיג אויך איצט, אָדער ערשט איצט: אַ זעלבשטענדיגע פּאָליטיק, באַזירט אויף די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון ישראל, — אַ פּאָליטיק פון פריינטשאַפט, וואָס שליסט קודם איין, פאַרשטייט זיך, פריינטשאַפטלעכע באַציאונגען מיט די אַראַבישע שכנים, באַזירט אויף שלום, ווידעראַמאָל לויט דער יו־ען רעזאָלוציע 242.

די „מאָרגן־פרייהייט״ איז די איינציגע אידישע צייטונג אין אַמעריקע, וואָס קעמפט פאַר דער יו־ען רעזאָלוציע, קעמפט געגן שאָוויניזם און אַנעקסיע. אין איר צוגאַנג צו ישראל האַלט זי זיך ביי דעם כלל, אַז לאַנד און פאָלק איז איין זאַך — די רעגירונג אַן אַנדער זאַך. קריטיק געגן פאַלשע טריט פון דער רעגירונג איז אין די אינטערעסן פון לאַנד און פאָלק. און כסדר הויבט די „מאָרגן־פרייהייט״ אַרויס דעם לאָזונג: ישראל איז געקומען צו פאַרבלייבן!

די וועלט פון סאָציאַליזם

די שוועריגקייטן פון בויען

די וועלט פון סאָציאַליזם — דאָס איז אונזער וועלט פון היינט און וואָס שייך אַמעריקע — די וועלט פון מאָרגן. דאָס איז די וועלט פון אונזערע האָפענונגען אויף אַ לעבן פון סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן יושר.

אויף דעם באָדן שטייען מיר פעסט. מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט — די וועלט פון אומ׳יושר, די וועלט פון עקספּלואַטאַציע, מלחמות. די וועלט איז מאָראַליש באַנקראָט. קעמפנדיק פאַר באַלדיגע אויסבעסערונגען, צוזאַמען מיט נישט־סאָציאַליסטן, לאָזן מיר אָבער נישט ארויס פון אויג דעם ענדגילטיגן ציל — די סאָציאַליסטישע אָרדענונג.

נישט אָפּטרעטנדיג אויף אַ האָר פון דער דאָזיגער פּאָזיציע, דאַרפן מיר אָבער אויף אַ רעאַליסטישן אופן אָפּשאַצן די ווירקלעכקייט, וועלכע האָט באַוויזן, אַז דער וועג פון בויען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, איז נישט אַזאַ גלאַטער און איינפאַכער, ווי מיר האָבן אַמאָל געמיינט.

קאַרל קאַוטסקי, וועלכער האָט דורך אַ פאַלשער, פאַרקריפּלטער שטעלונג צו אידן, געהאָלפן אריינטראָגן צעטומלונג אין דער מאַרקסיסטישער באַוועגונג בנוגע דער אידישער פראַגע, האָט, אויף אַן אַנדער שטייגער, אריינגעטראָגן צעטומלונג מיט זיין צוגאַנג וואָס איז אויסגעדריקט געוואָרן אין זיין באַקאַנטער בראָשור: „אויף מאָרגן נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע״. פון דעם סימפּליפיצירטן, באַלעבעסלדיגן צוגאַנג האָט זיך באַקומען, אַז אויף מאָרגן, אומגעפער ניין אַ זייגער אין דער פרי, וועט אַלץ אַוועקגיין גאָר אויף אַ נייעם שטייגער.

קאַוטסקי איז דאָ אפשר נישט געווען דער איינציגער שולדיגער, אָבער קלאָר איז, אַז אָנהענגער פון סאָציאַליזם האָבן נישט אַ טראַכט געטאָן, אוודאי נישט ווי געהעריג אַ טראַכט געטאָן, — אָדער אפשר נישט געקאָנט אַ טראַכט טאָן, — וועגן די גרויסע שוועריגקייטן, וואָס מוזן זיך שאַפן אין אַ לאַנד, וואָס טרעט צו צום בויען סאָציאַליזם; שוועריגקייטן צוליב ירושה, מאַטעריעלער און גייסטיגער, שוועריגקייטן צוליב איינגעבאָרענע און איינגעגעסענע געוואוינהייטן, שוועריגקייטן ביים דערלערנען נייע מעטאָדן פון עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און סאָציאַלע באַציאונגען, שוועריגקייטן צוליב ווירקונג און דרוק און אינטריגעס און פּראָפּאַגאַנדע פון קאַפּיטאַליסטישן דרויסן און צוליב דער „אַרבעט״ פון שונאים פון אינעווייניג.

לענין וועגן קריטיק

איצט איז קלאָר — דאַרף זיין קלאָר פאַר אַלעמען, אַז מ׳קאָן דער־וואַרטן טעות׳ן, פאַרברעכנס אַפילו. ווי אַזוי מיידט מען דאָס אויס? ווי אַזוי זאָל מען פאַריכטן? אויף דעם האָט געענטפערט לענין — און איך באַנוץ זיך דאָ מיט׳ן אויסצוג, וואָס אונזער פאַריזער מיטאַרבעטער ג. קעניג האָט די טעג, אין דער „מאָרגן־פרייהייט״, געבראַכט פון אַ רעדע פון לענינ׳ען אויפן 3טן קאָנגרעס פון קאָמינטערן, אין 1921. לענין האָט גע־וואָרנט:

> „מען דאַרף גלייך אָנהויבן פון שטודירן, פון גרניסן פון דער דער־פאַרונג פון די באַגאַנגענע פעלערן, כדי צו לערנען ווי אַזוי בעסער צו אָרגאַניזירן דעם קאַמף. מיר טאָרן ניט באַהאַלטן אונזערע טעות׳ן צוליב מורא פאַר׳ן שונא. דער, וואָס ברענגט אַרויס אַזאַ געדאַנק, איז ניט קיין רעוואָלוציאָנער. פאַרקערט, אויב מיר ווילן דערקלערן אָפן די אַרבעטער: ׳מיר האָבן זיך טועה געווען׳, וועט עס זאָגן, אַז אונזערע פעלערן ווילן זיך מער ניט איבער׳חזר׳ן״.

אָט דער געזונטער, לעניניסטישער, באמת רעוואָלוציאָנערער, צוגאַנג איז דערשטיקט געוואָרן אונטער סטאַלינ׳ען, ווי עס זיינען דערשטיקט געוואָרן אַנדערע צוגאַנגען פון לענינ׳ען. עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דיסקוסיע און אַוודאי אָפּגעשאַפט געוואָרן קריטיק; אָרנטלעכע קריטיק — ניט כלומרשטע זעלבסטקריטיק מיט׳ן צוועק צו פאַרמאַכן אַנדערע די מיילער. עס זיינען געקומען גאָר ביטערע טעות׳ן און שרעקלעכע פאַרברעכנס. דער 20טער קאָנגרעס פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פאַרטיי, אין פעב־רואַר 1956, האָט דאָ געמאַכט אַ שאַרפן איבערברוך.

נאָך דער רעדע פון געאָרגי דימיטראָוו׳ן, אין 1935, איז די רעדע פון ניקיטאַ כרושטשאָוו׳ן, אויפ׳ן 20טן קאָנגרעס, אין פעברואַר 1956, געווען איינע פון די גרויסע רעדעס פון אונזער צייט (ביידע רעדעס זיינען ניט געווען סתם פערזענלעכע אויפטועז, פאַרשטייט זיך, אָבער די פערזאָן שפּילט אַ ראָל). נאָך דעם קאָנגרעס האָט מען זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן. און דאָ וועל איך, זייער בקיצור, דערמאָנען דעם אַרטיקל פון וויליאַם ז. פאָסטער אין „פּאָליטיקל אַפעירס״ פון דעצעמבער 1957. ער האָט גערעדט וועגן די גרויסע פּאָזיטיווע איינפלוסן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, אָבער האָט אָנגעוויזן, ווי אויף אַ טעות דאָס, וואָס ס׳איז ניט געפירט געוואָרן קיין „חבר׳שע קריטיק איבער די שוואַכקייטן אין יענעם לאַנד״. פאָסטער האָט געזאָגט:

> „אָט די ׳אַלץ־איז־אין־אָרדענונג׳ ליניע האָט אַנטאַגאָניזירט פיל אַרבעטער, וועלכע וואָלטן געהאַלטן, אַז קריטיק איז געווען אין אָרדענונג״.

געראַטעוועט די באַוועגונג

די „מאָרגן־פרייהייט״, וועלכע געהאַט געהאַט אָפּגעדרוקט די רעדע פון כרושטשאָוו׳ן און האָט באַלד אויף אירע זייטן אַנטוויקלט זייער אַ ברייטע דיסקוסיע, האָט צוגעזאָגט אָנצוהויבן אַ ניי קאַפּיטל, לויטן צוגאַנג פון

לעניג׳ען, פון פאסטער׳ן. זאל דא אונטערגעשטראכן ווערן, אז דער דאזיגער צוגאנג פון דער „מארגן־פרייהייט", וועלכער ווערט כסדר אנגעהאלטן, **האט געראטעוועט די פראגרעסיווע אידישע באוועגונג אין אמעריקע** פון דעם גורל, וואס האט געטראפן די פראגרעסיווע אידישע באוועגונג אין אנדערע לענדער. אויפהאלטנדיג אונזער באזע, דורך האלטן אונזער צוזאג נאכ׳ן 20טן קאנגרעס, האבן מיר געמאכט און מאכן א ביישטייער צו דער פראגרעסיווער באוועגונג בכלל, צום קאמף פאר פריינטשאפט מיט׳ן סאוועטן־פארבאנד.

די שטעלונג איז — דורכאויס פאר׳ן סאוועטן־פארבאנד, ווייל דורכ־אויס פאר׳ן סאציאליזם! אויב אבער געוויסע האנדלונגען און איינשטע־לונגען זיינען אומפארשטענדלעך, אדער געפעלן ניט, דארף מען עס זאגן — ווי פריינט, פארשטייט זיך, **אין די אינטערעסן פון סאציאליזם.** און דא איז ניט נאר א פראגע פון לערנען אימיצן, אדער זאגן א דעה, — דא איז אין זייער א גרויסער מאס א פראגע פון **קאמף פאר סאציאליזם דא, אין אמעריקע.** פארטיידיגט מען אלץ וואס ווערט באגאנגען, אדער פאר־שווייגט מען טעות׳ן, וואס אלע זעען, **שניידט מען זיך אפ דא אין לאנד פון די ברייטע מאסן, שעדיגט מען דעם קאמף פאר סאציאליזם דא אין לאנד.** דער עולם איז ניט קיין גולם. און די בורזשואזע פראפאגאנדע נוצט אלץ אוים. ערשט ווען מען ווייזט אן, אז די טעות׳ן זיינען **ניט** אין גייסט פון סאציאליזם און אז זיי דארפן אויסגעבעסערט ווערן — און אז מען פארשווייגט ניט אלצדינג — קאן מען קומען צו די מאסן מיט׳ן סאציא־ליסטישן ווארט, מיט׳ן ווארט פון פריינטשאפט פאר׳ן סאוועטן־פארבאנד גופא. **פריינטלעכע קריטיק שאפט ניט אפ פריינטשאפט, נאר שטארקט זי!**

ניט לייכטזיניג, ניט אן ישוב הדעת און ניט מיט א גרינג הארץ ווערט אנגעוויזן אויף טעות׳ן. דאס איז א פיינלעכער ענין. עס ווערט געוואויגן און געמאסטן — דאס קינד זאל ניט ארויסגעווארפן ווערן צוזאמען מיט׳ן שמוציגן וואסער. יע, דער שונא קאן אויסנוצן. וועגן דעם דארף מען אויך טראכטן, אבער לעניג׳ס אנזאג איז פארט דער ריכטיגער. צי אלע מאל איז דער טאן פון דער קריטיק א געהעריגער און אלע ווערטער צוגעפאסטע, איז שווער צו קאווירן. אט דא ליגן גרויסע שוועריגקייטן היינטיגע צייט פאר א טעגלעכער פראגרעסיווער צייטונג. אמאל דארף מען אפווארפן און אמאל קאן מען צו לאנג ניט ווארטן מיט׳ן רעאגירן. אבער דער אלגעמיינער צוגאנג אונזערער, בין איך איבערצייגט, איז א ריכטיגער.

פוילן, קובא, כינע

מיט גרוים ווייטאג — און מיט פארשפעטיגונג — זיינען מיר צוגע־טראטן צום ענין פוילן און האבן אפן אנגעוויזן אויפ׳ן פארברעכן וואס איז דארט באגאנגען געווארן געגן אידישן פאלק, געגן פוילן גופא, געגן סאציא־ליזם. איך געפין איצט ניט פאר נויטיג ארייננצוגיין ברייטער אין דעם ענין, סיי צוליב די באגרעניצונגען פון צייט, סיי ווייל מיר האבן וועגן אים א סך

געשריבן — און נאָכמער, ווייל די אַנטוויקלונגען האָבן אויף אַ טראַגישן אופן באַשטעטיגט אונזער צוגאַנג צו דער גאָמולקאַ־מאָטשאַר פּירערשאַפט. איך האָב דאָ אינזינען די שחיטה, וואָס די פּירערשאַפט האָט געמאַכט אויף אַרבעטער אין דעצעמבער 1970. זי איז דערפאַר מיט שאַנד אַרויסגע־שליידערט געוואָרן, כאָטש קיין עפנטלעכן דין וחשבון האָט זי ניט אָפּגע־געבן פאַר דער שחיטה און אוודאי ניט אָפּגעגעבן פאַר׳ן חורבן פון אידישן ישוב. עס זיינען נאָך ניט פאָרגעקומען קיין רעהאַביליטאַציעס, אָפּגערעדט פון גרינטלעכע רעהאַביליטאַציעס.

דאָס וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין פּוילן — אַ געוואַלטזאַמע פאַרלע־צונג פון סאָציאַליזם, וואָס איז נאָך ניט פאַריכט געוואָרן — איז אַ באַזונ־דער קאַפּיטל. בכלל דאַרף קלאָר זיין, אַז דער סאָציאַליזם קאָן ניט אומעטום געבויט ווערן אויפ׳ן זעלביגן שטייגער. דאָס ווערט שוין אָנערקענט, כאָטש ניט פון אַלעמען. אין אונגאַרן, למשל, איז אַנדערש ווי אין רומעניע, אָדער ווי אין בולגאַריע, יוגאָסלאַוויע, אָדער קובאַ און אַזוי ווייטער. די און אַנדערע לענדער, זיינען לענדער פון סאָציאַליזם. אין יעדן פון די לענדער זיינען דאָ ניט־געלייזטע פּראָבלעמען, וואָס דאַרפן נאָך געלייזט ווערן.

מיר, געגנער פון קולט, זיינען פאַרשטייט זיך געגן דעם מאַאָ־קולט. מיר זיינען פאַר פאָלקס־כינע, האָבן געקעמפט כסדר פאַר אַריינגעמען זי אין דער יו־ען, אָבער וואַרפן אָפּ די אָנפאַלן אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד, מיט אַזעלכע ניט־דערלאָזבאַרע עפּיטעטן, ווי „סאָציאַל־אימפּעריאַליזם", אָדער נאָך ערגערע, — ניט דערלאָזבאַרע אָנפאַלן, וואָס ברענגען שאָדן דער סאָציאַ־ליסטישער וועלט און שאָדן דעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם דאָ. (דער ענין כינע איז פאַרשטייט זיך אַ קאַפּיטל, אין וועלכן איך קאָן דאָ ניט אַריינגיין; דעם אמת זאָגנדיג, האָבן מיר אַ שוואַכן באַגריף דערפון, וואָס דאָרט קומט פאָר, חוץ דעם וואָס פאַר אונז איז קלאָר, אַז כינע איז אַ וויכטיגער טייל פון דער סאָציאַליסטישער וועלט).

די ראָל פון סאָוועטן־פאַרבאַנד

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, דאָס לענין־לאַנד, איז אונז נאָענט צוליב אַ סך סיבות. פיל פון אונז האָבן פערזענלעך גענומען אַן אָנטייל אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. מיר זיינען אַלע מיטגעריסן געוואָרן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, די גרעסטע סאָציאַלע רעוואָלוציע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. מיר האָבן יאָרן לאַנג געקעמפט צו פאַר־טיידיגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און האָבן נאָכגעפאָלגט די גרעאַנגלען און דערגרייכונגען פון דעם לאַנד. ווען היטלער איז באַפאַלן דאָס סאָוועטישע לאַנד, האָבן מיר מיט האַרץ־קלאַפּעניש נאָכגעפאָלגט דעם העראָאישן און מסירת־נפש׳דיגן געראַנגל פון דער רויטער אַרמיי און וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן די היסטאָרישע ראָל וואָס זי האָט דורכגעפירט, די וואונדער וואָס זי האָט באַוויזן אַ דאַנק דעם סאָציאַליזם, צו ראַטעווען די וועלט פון דער ברוינער פּלאָג, ראַטעווען דאָס אידישע פאָלק.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אונז נאָענט צוליב די פאַרבינדונגען מיט

די סאָוועטישע אידן — קרובה'שע פאַרבינדונגען און פאַרבינדונגען אין פּרט פון היסטאָרישע דערגרייכונגען אויפן געביט פון לייזן די נאַציאָנאַלע פראַגע, פון היסטאָרישן אויפבלי פון דער אידישער קולטור — און אויך, ליידער, היסטאָרישע פאַרקריפּלונגען און פאַרברעכנס, וועלכע זיינען נאָך דערוויילע ווייט ניט פולשטענדיג פאַריכט געוואָרן.

אונזער באַציאונג איז אויך אויף דעם געביט געווען אַן אויסגעהאַל־טענע די גאַנצע צייט. מ'האָט אונז מיט יאָרן צוריק געטאַדלט הלמאַי מיר האָבן געשטעלט פראַגן וועגן די אידישע שרייבער, נאָך 1948, אָבער די פראַגן זיינען געווען גערעכטע, כאָטש זיי זיינען געשטעלט געוואָרן ניט שאַרף גענוג, עפנטלעך! מ'האָט אונז געוואָלט איינרעדן, אַז עס האָט זיך געשאַפן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אַן „אינטעגראַציע", לויט וועלכער מ'דאַרף שוין מער ניט קיין אידישע קולטור; אַז די סאָוועטישע אידן גופא ווילן עס ניט, דאַרפן עס ניט, פאָדערן עס ניט, — און מיר זיינען באַשטאַנען אויף אונזערס, אויפן אמת: זיי ווילן, דאַרפן און פאָדערן. זעען מיר ווי עס זיינען פאַרצייכנט געוואָרן געוויסע דערגרייכונגען, דער עיקר דאָס ארויס־געבן „סאָוועטיש היימלאַנד", אָבער די אידישע קולטור איז נאָך אַלץ ווייט ניט אויפגעשטעלט געוואָרן לויט לעניגס צוגאַנג, צוזאַמען מיטן גאַנצן צוגאַנג צו דער אידישער נאַציאָנאַליטעט, מעגלעך צו מאַכן **אידישע נאַציאָנאַלע אידענטיפיקאַציע**, פאַר יעדן סאָוועטישן אידן וואָס וויל עס.

רעזולטאַטן פון טעות'ן

לויט אונזער מיינונג איז דאָס איינע פון די סיבות, זייער אַ וויכטיגע, פון דער באַוועגונג פון אַ סך טויזנטער סאָוועטישע אידן ארויסצופאָרן, איינ־געשלאָסן (ליידער) געוויסע סאָוועטיש־אידישע שרייבער און דיכטער.

מיר האַלטן, אַז די וואָס ווילן פאָרן, ספּעציעל כדי צו פאַראייניגן זיך מיט קרובים, דאַרפן האָבן די מעגלעכקייטן דערויף, אָבער מיר אָנערקענען, אַז דאָס איז אַ טראַגישע אַנטוויקלונג בנוגע דעם סאָציאַליזם און טראַגיש פאַר פיל פון די ארויסגעפאָרענע גופא, וועלכע פאַרלאָזן אַ סאָציאַליסטיש לאַנד און קומען אין די לענדער פון קאַפּיטאַליזם; קומען אין ישראל וואו דער ארבעטס־מענטש ראַנגלט זיך איצט אין שווערע קאַמפן, ווי מיר האָבן געזען. עס וואָלט געווען דער גרעסטער וואונדער ווען אַ סך סאָוועטישע אידן זאָלן ניט וועלן פאָרן צוריק, ניט נאָר צענדליגער, אָדער הונדערטער אפילו. עס האַנדלט זיך דאָך וועגן אַן ערך צען טויזנט, וואָס זיינען ארויסגעפאָרן די לעצטע עטלעכע יאָר — העכער זיבן טויזנט בלויז היינטיגס יאָר 1971, ביז אָקטאָבער — און אַ סך טויזנטער וואָס ווילן ארויספאָרן. די אויסוואַנ־דערונג האַלט כסדר אָן.

וואָס עס זאָלן ניט זיין די אַנדערע סיבות פאַר'ן ארויספאָרן — און מען מוז זיי ניט אַלע אָפּוואַרפן — איז דאָס, וואָס מיר האָבן נאָר־וואָס אָנגעוויזן, איינע פון די הויפּט־סיבות, דאַכט זיך: אידישע קולטור לויט לעניג'ס נאָרמעס, אידישע נאַציאָנאַלע אידענטיפיקאַציע. און נאָך אַ סיבה: די אַנטי־ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע האָט אין די שרייבערייען פון אַ איוואַנאָוו,

יעווסיעוו, באָלשאַקאָוו, שעווצאָוו, אָפּגערעדט שוין פון א קיטשקאָ, אָנגע־נומען שעדלעכע פּאָרמען, האָט ארויסגערופן צאָרן און געבראכט דאָס פּאַר־קערטע: סימפּאַטיעס פאַרן ציוניזם, בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם. גאָר שאַרף האָבן דאָ געווים געווירקט די ניט־דערלאָזבאַרע קאַריקאַטורן, אין דעם סטיל פון די אַמאָליגע קיטשקאָ־קאַריקאַטורן. די דאָזיגע שעדלעכע פּראָפּאַגאַנדע האָבן מיר ניט געטאָרט פאַרזען — און האָבן דעריבער ניט פאַרזען!

מיר האָבן אַלע מאָל אָפּגעוואָרפן, און וואַרפן אָפּ עד היום דעם פאַלשן, שעדלעכן לאָזונג פון „סאָוועטישן אַנטיסעמיטיזם", א לאָזונג פון דער רעאַקציע. מיר האָבן אָבער אַלע מאָל אָנגעוויזן און ווייזן אָן, אַז צוזאַמען מיט נאָך נעגאַטיווע, קרימינעלע און אַנדערע דערשיינונגען, טיילווייז אַלס רעזולטאַט פון דער פריערדיגער ירושה און דער נאַציסטישער אָקופּאַציע, זיינען דאָ אַנטיסעמיטישע דערשיינונגען און קעגן זיי דאַרף רעאַגירט ווערן; עס דאַרף געפירט ווערן לעניניס קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. ספּעציעל איז אַזאַ קאַמף אומבאַדינגט נויטיג (ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, רעדנדיג וועגן ציוניזם) בשעת עס ווערט געפירט אַן אַנטי־ציוניסטישע קאַמפּאַניע — זי זאָל ניט אָננעמען אַן אַנטי־אידישן כאַראַקטער.

קעגן דער אַנטי־סאָוועטישער היסטעריע

האָבנדיג כסדר א באַלאַנסירטן צוגאַנג, זעענדיג כסדר דאָס גאַנצע בילד, לאָזן מיר ניט אוים פון אויג דעם עיקר, דאָס פונדאַמענטאַלע: אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אינ'ם לאַנד פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, בויט זיך די נייע סאָציאַליסטישע אָרדענונג. מיר וועלן כסדר ניט ארויסלאָזן פון אויג און ניט אָפּשטעלן דעם קאַמף קעגן די סאָוועטן־האַסער, קעגן דער אַנטי־סאָוועטישער היסטעריע אויף דער אידישער גאַס, וואָס האָט א שעדלעכע ווירקונג אויפן היגן אידישן לעבן גופא, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, רעדנדיג וועגן דעם היגן אידישן ישוב. מיר האָבן באַקעמפט די בריסעלער אַנטי־סאָוועטישע קאָנפערענץ, מיר האָבן באַקעמפט, גאָר שאַרף באַקעמפט, אין א פילפאַכער קאַמפּאַניע, וועלכע הערט ניט אויף, די „דזשואיש דעפענס ליג" מיט אירע פאַשיסטישע מעטאָדן, וואָס האָבן גע־בראכט און ברענגען שאָדן דעם אידישן לעבן גופא, צילן ארונטערצורייסן אַמעריקאַניש־סאָוועטישע קאָאָפּעראַציע, וואָס דאָס איז אַזוי נויטיג פאַר'ן וועלט־שלום, איינגעשלאָסן שלום אין מיטל־מזרח. די „דזשואיש דעפענס ליג" איז א פאָלקס־אומגליק, פון וועלכן מ'מוז פּטור ווערן!

מיר הויבן ארוים כסדר די ראָל פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אין קאַמף פאַר שלום, פאַר א פאַרמילדערונג פון דער סיטואַציע אין אייראָפּע, ארום בערלין, אין די באַציאונגען מיט ביידע דייטשלאַנדס, אין אָפּשטעלן דעם מיסיל־געיעג און בכלל וואָפן־געיעג, ווי מיר זעען עס אין דער לעצטער צייט; די ראָל פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אין שטיצן די פעלקער פון וויעטנאַם, וואָס אָן דעם וואָלט ניט מעגלעך געווען זייער הערואישער קאַמף קעגן אַמערי־קאַנער אימפּעריאַליזם. אויך די עקזיסטענץ פון דער סאָציאַליסטישער קובא

וואָלט ניט מעגלעך געווען אָן דער פּילפּאַכער אונטערשטיצונג פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די „מאָרגן־פרייהייט", ווי אַן אויסגעהאַלטענער פריינט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, דרוקט מער סאָוועטישן מאַטעריאַל ווי וועלכע עס איז צייטונג אין אַמעריקע. זי איז די איינציגע אין אַמעריקע וואָס באַקענט דעם עולם בסדר מיט די „נאָוואָסטי"־מאַטעריאַלן. און דאָס ווערט אָנערקענט, ווי דאָס איז געווען צו זען פון דער באַגריסונג פון „נאָוואָסטי" צו מיין געבורטסטאָג, ווי די אַנדערע באַגריסונגען, וואָס איך נעם אָן אויפן חשבון פון דער „מאָרגן־פרייהייט", פון דער גאַנצער רעדאַקציע, באַגריסונגען פאַר דער אויסגעהאַלטענער פריינטשאַפט צום סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די „מאָרגן־פרייהייט" איז געבאָרן געוואָרן דער עיקר ווי אַן אויסדרוק פון די באַדערפענישן פון די אידישן מאַסן, אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, דאָ אין לאַנד. אָבער אין איר געבורט האָט געשפּילט זייער אַ וויכטיגע ראָל דער איינפלוס פון די לעני נשע לאָזונגען פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. די דאָזיגע לאָזונגען בלייבן מיר געטריי!

מיט אחריות פאַר דער געשיכטע

די אַרבעט אין דער „מאָרגן־פרייהייט"

אין פרצ'ס „צוויי ברידער" זאָגט זיך, זינגט זיך: „שווער איז די אַרבעט, נאָר ס'אַרבעט זיך פריי". איך האַלט פאַר מיין חוב אייך צו זאָגן, אַז שווער איז די אַרבעט אין דער „מאָרגן־פרייהייט", שווער איז די אַרבעט אונזערע אין רעדאַקציע. ניט אַזוי פיזיש — דאָס אויך, גאַנץ שטאַרק. קרעפטן זיינען דאָ ווייניק, ממש קריטיש־ווייניג, פאַלט עס אַ סך שווערער אויף יעדן איינעם. אָבער נאָך שווערער איז עס צוליב אַנדערע סיבות. די צייט איז אַן אומרואיגע, פּראָבלעמען זיינען קאָמפּליצירט. די צייטן ווען אַלץ איז געווען אין ווייס אָדער שוואַרץ — און מען דאַרף ניט בענקען נאָך יענע צייטן — זיינען אַוועק. מאָמענטנווייז דאַרף מען מאַכן אַנטשיידונגען, וואָס קומען אָן שווער, פּיינלעך, ווי מיר האָבן פריער געזען. און ווען מ'איז נאָך דערצו איבערגעהאָרעוועט, מאַכט עס שווערער.

ניט אַלע פאַרטראַכטן זיך לוידער וועגן דעם, נעמען אין אַכט די גאַנצע סיטואַציע, נעמען אין אַכט די פאַרשיידענע שטימונגען אין פאָלק, וואָס פאָדערן באַלאַנסירטקייט, טאַקט, כדי ווייטער אָפּצוהיטן און איינהאַלטן די פּראָגרעסיווע באַזע. נאָר מיר ווערן געשטאַרקט פון דעם צוטרוי פון די ברייטע מאַסן פּראָגרעסיווע אידישע מענטשן און זיינען כסדר באַוואוסט־זיניג פון דער אחריות, וואָס זיי האָבן אויף אונז אַרויפגעלייגט. מיט אייער צוטרוי וועלן מיר די אחריות טראָגן מיט ליבשאַפט און פרייד.

מיר פילן זיך געשטאַרקט צוליב דער איינינקייט אין דער רעדאַקציע, וואו עס הערשט אַ גייסט פון קאָלעקטיווער שעפערישקייט און וואו אַלע פראַגן ווערן קאָלעקטיוו באַטראַכט. איינינקייט — אין קאַמף געגן מלחמה, אימפּעריאַליזם, שאָוויניזם, איינינקייט אין קאַמף פאַר פּראָגרעס. זאָגן דאַרף מען: כל הכבוד! אַלע לויבגעזאַנגען פאַר די מיטאַרבעטער, פאַר זייער אחריות'דיגער אַרבעט! אַלע אין רעדאַקציע פאַרדינען אונזער טיפע אַנערקענונג!

איינינקייט מיט דער אידישער פירערשאַפט

אויך די איינינקייט אין דער פאַרוואַלטונג און מיט'ן פאַרוואַלטער איז אַ קוואַל וואָס גיט כח. און דאָ שליס איך איין אויך די עטלעכע פאַרוואַל־טונג־מיטגלידער, וואָס זיינען צייטנווייז ניט מסכים מיט דעם אָדער יענעם צוגאַנג. זיי ווייזן אַ מוסטער ווי אַזוי מ'קאָן האָבן חילוקי דעות, אָבער אַרבעטן פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט" מיט לייב און לעבן.

א גרויסער קוואַל פון דערמוטיקונג און כח איז די אייניקייט פון דער גאַנצער היגער פּראָגרעסיווער אידישער פּירערשאַפט בנוגע די פונדאַמענטאַלע פראַגן, וואָס איך האָב באַהאַנדלט. מיר לערנען פון די דערפאַרונגען פון די אָנפירער פון די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס — און זיי פון אונז. מיר שעפּן דורך זיי כח פונם פּאָלק — פּונקט ווי דאָס פּאָלק שעפּט כח פון דער צייטונג, וואָס עס האַלט אויס. אָט צוליב דעם קאָן מען זאָגן, אַז כאָטש עס אַרבעט זיך שווער — אַרבעט זיך פריי.

עס איז לעבנס־נויטיק צו שטאַרקן די אייניקייט פון די פּראָ־גרעסיווע עלעמענטן אינ׳ם אידישן לעבן. אויפ׳ן גאַנצן פּראָגרעסיוון פראָנט, נאַציאָנאַל און אינטערנאַציאָנאַל, שטייט די פראַגע פון אייניקייט — ניט געקוקט אויף געוויסע, אויב אַפילו ערנסטע, חילוקי דעות. איך וואָלט, למשל, געקאָנט אָנוויזן אויף דער באַטייליגונג אינ׳ם 24טן קאָנגרעס פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אין מערץ (1971), פון אַזעלכע, וואָס האָבן שאַרפע חילוקי דעות — און וואָס האָבן עס אויפ׳ן קאָנגרעס גופא ניט באַהאַלטן — אָבער וואָס באַגרייפן ווי נויטיק עס איז די אייניקייט בנוגע די וויכטיגסטע פראַגן. און די גרעסטע, איבערוועגנדיגע מערהייט פון וויכטיגע פראַגן פאַראייניגן דאָך אונז אַלעמען! איז זאָל דער צוזאַמענפאָר שטאַרקן די אייניקייט פון דעם פּראָגרעסיוון אידישן פראָנט און זאָל זיין אַ חבר׳שער דיאַלאָג, אַ פריינטלעכער דיאַלאָג, בנוגע פראַגן וועגן וועלכע מ׳גייט זיך מעגלעך פאַנאַנדער.

די „מאָרגן־פרייהייט" אין טאָג־טעגלעכן קאַמף!

עס איז אָן ספק דאָ אָרט אָנצואווייזן אויף טעות׳ן — און עס איז געוויס מעגלעך אַז אַזעלכע זיינען געווען. דאָ און דאָרט איז אוודאי אַ פראַגע אַמאָל ניט באַהאַנדלט געוואָרן באַלד, אָדער ווי געהעריג. דאָ און דאָרט איז אַ קאָפּ אויף די נייעס־זייטן, אָדער אַרטיקל־זייטן, מעגלעך ניט ווי געהעריג פאָרמולירט געוואָרן אין דער איילעניש פון אַ טעגלעכער צייטונג. אַמאָל איז אַ באַריכט דורכגעלאָזט געוואָרן אָן אַ גרינטלעכער רעדאַקציע. יעדע חבר׳שע קריטיק ווערט חבר׳יש אויפגענומען און די רעדאַקציע לערנט דערפון. קלאָר איז אָן ספק פאַר אונז אַלעמען איינס: די צייט האָט אויף אונז אַרויפגעלייגט אַ גרויסע אחריות! מיר זיינען איינער צום אַנדערן פאַראַנטוואָרטלעך און אַלע צוזאַמען — פאַרן פּאָלק און פאַר דער געשיכטע.

וואָס וואָלט געווען ווען עס זאָל חלילה איצטער ניט זיין קיין „מאָרגן־פרייהייט"?! איצטער — אין אַזאַ שטורמישער צייט?! איצטער — ווען די אַנדערע צוויי אידישע צייטונגען געפינען זיך, אין גרויסן און גאַנצן גענומען, אין לאַגער פון רעאַקציע, ווי דאָס באַווייזט זייער ראָל, רעדאַקציאָ־נעל, בנוגע דער וויעטנאַם מלחמה, בנוגע ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם, בנוגע דער אַנטי־סאָוועטישער היסטעריע, וועלכע טראָגט זיך דאָרטן פון יעדער שורה, צוזאַמען מיט׳ן שאָוויניזם! און — זייער דינסט דזשאַרדזש מיני׳ן

און דער גאַנצער יוניאָן־ביוראָקראַטיע. ס'איז ממש ניט אויסצורעכענען אַלץ. די צוויי אידישע צייטונגען געפינען זיך לײדער שוין פון לאַנג אויף רעכטס אפילו פון דער „ניו יאָרק טאַימס". בנוגע דער מלחמה, רעאַקציע, ראַסיזם. די שחיטה אין אַטיקאַ האָט עס ווידער באַוויזן. (זינט אָקטאָבער 1971, ווען די ווערטער זיינען געזאָגט געוואָרן, איז איינע פון די צוויי צייטונגען, דער „טאָג מאָרגן־זשורנאַל", אונטערגעגאַנגען — דעם 28טן דעצעמבער, 1971. דאָס געזאָגטע דאָ איז חל אויף דער פאַרבליבענער איסט־בראָדוועיער צייטונג, דער „פאָרווערטס").

די „מאָרגן־פרייהייט" איז צוליב דעם כסדר אין געראַנגל מיט די אַנדערע צוויי אידישע צייטונגען (איצט — מיט'ן „פאָרווערטס"). בנוגע די נאָר־וואָס דערמאָנטע און אַנדערע לעבנס־וויכטיגע געביטן, שפּילט די „מאָרגן־פרייהייט" כסדר אַ ספּעציפישע ראָל — אין דעם קאַמף פאַר אַרבעטער־אינטערעסן, פאַר שלום, פאַר אַ געזונט אידיש לעבן, פאַר בויען די אידישע קולטור, פאַר אַ געזיכערטער מדינת ישראל אין פרײנטשאַפט מיט די שכנים, געגן רעאַקציע, געגן אַנטיסעמיטיזם און ראַסיזם, פאַר דער באַפרייאונג פון אַנדזשעלאַ דעיווים און נאָך און נאָך ברענענדיגע פראַגן, וואָס שטייען פאַר'ן אידישן פאָלק, פאַר אונזער אַמעריקע, פאַר דער וועלט. און — די „מאָרגן־פרייהייט" איז די **דינאַמאָ** פון די פּראָגרעסיווע אידישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, פון די פאַרשיידענע פּראָגרעסיווע אינסטיטוציעס; זי איז אָרגאַניש צונויפגעוואַקסן מיט זיי; **זיי קאָנען ניט לעבן אָן איר — ווי זי קאָן אָן זיי ניט לעבן.**

ניט קיין סעקטע, אָדער קלייזל

מיר זיינען ניט אַ קלייזל פאַר אַ קלייזל — מיר זיינען, און דאַרפן כסדר שטרעבן צו זיין — **אַ פאַקטאָר אינם לעבן פון אידישן פאָלק**, רעהאַביליטירן און אויפהאַלטן די פּראָגרעסיווע טראַדיציעס פון אידישן פאָלק — אין אַ צייט ווען די טראַדיציעס זיינען אין גרויס געפאַר! און מיר דאַרפן פעסטשטעלן: די פּראָגרעסיווע אידישע געזעלשאַפטלעכקייט, מיט אירע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, **איז אַ פאַקטאָר** אינ'ם אידישן לעבן דאָ אין לאַנד, מיט אַן אייגענעם טעגלעכן אָרגאַן, די „מאָרגן־פרייהייט"! רעאַקציאָנערן שטרעבן דעם דאָזיגן פאַקטאָר צו איזאָלירן, צונישט מאַכן, אָדער אינגאַנצן צו פאַרניכטן, אָבער אונזער קאַמף פאַר די אינטערעסן פון פאָלק, פאַר פּראָגרעס, אונזער פּאָזיטיווער צוגאַנג צו פּראָבלעמען, אונזער באַלאַנסירטקייט און קאָנסטרוקטיווע קריטיק, — דאָס אַלץ דערלאָזט ניט מיר זאָלן איזאָלירט ווערן!

מיר האָבן ווייניג לייענער. עס קומט אונז אַ סך מער, לויט אונזער שטעלונג, לויט דער צייט אין וועלכער מיר לעבן. דער צוזאַמענפאַל דאַרף העלפן אַ שטופּ טאָן פאָראויס דעם קאַמף פאַר לייענער, איינגעשלאָסן לייענער פאַר די ענגלישע זייטן. אָבער לאָמיר ניט באַגיין קיין טעות: פיל

טויזנטער לייענען יעדן טאָג אונזער צייטונג און פיל פון זיי זיינען טוער, אָנפירער און אַזוי אַרום ווירקן אונזערע איינשטעלונגען ווייט אויסערן קרייז פון אונזערע לייענער. אָבער לייענער מוזן מיר האָבן אַ סך מער!

וואָס פאַר אַ צייטונג איז די „מאָרגן־פרייהייט"?

די „מאָרגן־פרייהייט" איז אַ פּראָגרעסיווע אידישע אַרבעטער און פאָלקס־צייטונג. זינט אונזער 30טן יובילײ, אין 1952, פּראָקלאַמירן מיר אויף אונזערע צוזאַמענפאָרן דעם כאַראַקטער פון אונזער צייטונג און מיר ווענדן דאָס היינט דעריבער ווידער באַשטעטיגן. צום קלאָרסטן איז די פאָר־מולירונג געמאַכט געוואָרן אויף אונזער צוזאַמענפאָר אין 1957, וואו עס איז געזאָגט געוואָרן:

„די ‚מאָרגן־פרייהייט' איז אַ פּראָגרעסיווע, אומאָפּהענגיגע אידי־שע אַרבעטער און פאָלקס־צייטונג. די איינציגע וואָס קאָנטראָלירן די צייטונג זייט איר, פאַרשטייער פון די ברייטע אידישע מאַסן. מיר זיינען צו קיינעם ניט פאַרפליכטעט חוץ צו אייך. אונזער צוגאַנג צו פּאָליטישע און אַנדערע פראַגן ווערט פאָרמולירט אויף די באַראַ־טונגען פון דעם רעדאַקציע־סטעף יעדן פרימאָרגן, דורך אַ פרייען, קאָלעגיאַלן מיינונגס־אויסטויש, און אַמאָל דורך דיסקוסיעס. דער רעדאַקציע־סטעף, וועלכער איז פאַראַנטוואָרטלעך צו אייך, איז די קערפּערשאַפט, וואָס פאָרמולירט דעם צוגאַנג צו די פאַרשיידענע פראַגן, ווי זיי ווערן באַלויכטן אין דער ‚מאָרגן־פרייהייט'" (זייט 35 פון מיין באַריכט, „אידיש לעבן אין אַמעריקע", ניו יאָרק 1957).

אָט די פאָרמולע האָבן מיר כסדר באַשטעטיגט אויף די צוזאַמענ־פאָרן אין 1960, 1962, 1965, 1968, און אָט די פאָרמולע באַשטעטיגן מיר היינט. און מיר שטרייכן אונטער, אַז ווייל זי איז אַן אַרבעטער־צייטונג, אַ פאָלקס־צייטונג, אַ פּראָגרעסיווע צייטונג, איז די „מאָרגן־פרייהייט" דאָס וואָס זי איז. פּראָגרעסיוו — אין האַרמאָניע מיט די פאָראויסגעשרי־טענע, פּראָגרעסיווע טיילן פון דער מענטשהייט, וואָס אָריענטירן זיך אויף סאָציאַליזם און זיינען שוין אינ'ם סאָציאַליזם אריינגעטראָטן. פון איר געבוירן־טאָג אָן איז די „פרייהייט"־„מאָרגן־פרייהייט" געווען דורכגעדרונגען מיט די שטרעבונגען צו דער געזעלשאַפט פון סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן יושר. איצט, ווען דער קאַפּיטאַליזם ליגט ממש ווי אַ פוילנדיגע פגירה, וואָס דאַרף אָפּגעראַמט ווערן, זיינען מיר נאָך מער דורכגעדרונגען מיט די דאָזיגע שטרעבונגען. אין דער איצטיגער צייט איז דורכאויס גילטיג דימיטראָוו'ס לאָזונג, אויף וועלכן מיר האָבן צום אָנהויב אָנגעוויזן: דורך קאַמף פאַר

דעמאָקראַטיע אין קאַמף פאַר סאָציאַליזם. אַט דאָס איז דער טיפער זין פון דעם געראַנגל פון אַ פּראָגרעסיווער ארבעטער און פאָלקס־צייטונג אין איצטיגן מאָמענט.

מיט דער פאָן פון אַלגין און ווינטשעווסקי

איינער פון די אָנפירער פון דער קאַלטער מלחמה, דיען אַטשעסאָן, האָט פאַר זיין טויט, די טעג, איבערגעלאָזט אַ מין צוואה, וואָס איז דעם 14טן אָקטאָבער (1971) געווען געדרוקט אין דער „נ. י. טאַימס". רעדט ער דאָרט וועגן דעם, וואָס דאָס וויכטיגסטע אין דעם איצטיגן מאָמענט איז די קאָנפראָנטאַציע פון צוויי וועלט־סיסטעמען, צוויי ציוויליזאַציעס. ריכטיג געזאָגט! מיר ווייסן אויף וועלכער זייט ער האָט זיך געפונען, אויף דער זייט פון וועלכער אַזוי־גערופענער סיסטעם און אַזוי־גערופענער ציוויליזאַציע. דער באַנקראָט פון דער דאָזיגער „סיסטעם" און „ציוויליזאַציע" שרייט צו די הימלען, ממש אַ בלוטיגער באַנקראָט! מיר האָבן נאָך מיט פופציג יאָר צוריק געמאַכט אונזער אויסוואַל — אויף דער זייט פון דער סיסטעם און ציוויליזאַציע פון יושר און פרייהייט און פעלקער־פריינטשאַפט, דער סאָציאַליסטישער סיסטעם, דער סאָציאַליסטישער ציוויליזאַציע.

„עס וועט קומען אַ טאָג", הייסט ביי אונזער אַלגינ'ען אַן עסיי — און אַט דעם טאָג האָבן מיר זיך געווידמעט, דעם נייעם טאָג! און מיט אונזער ווינטשעווסקי'ן זאָגן מיר: „דאָ שטייען מיר — דאָרט דער בלוטיגער פיינט". מיט די לאָזונגען פון אַלגינ'ען און ווינטשעווסקי'ן, גייען מיר, מיט פרייד און שטאָלץ, צו אונזער 50טן יובילעי!

ביכער פון פּ. נאָוויק

פּאַלעסטינע, די אַראַבער, דער ציוניזם, 157 ז. ניו יאָרק, 1932
די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, 176 ז. ניו יאָרק, 1935
אייראָפּע צווישן מלחמה און שלום, 416 ז. ניו יאָרק, 1948

בראָשורן און אַנדערע אויסגאַבן

דער רויטער אַלבאָם (פּאָטאָס און פּאַרוואָרט), ניו יאָרק 1925. — „פרייהייט"־אַלמאַנאַך, 1926. — די פאַרשווערונג אין מינעאָלאַ, נ. י. 1928. — דער 16טער ציוניסטישער קאָנגרעס און די געשעענישן אין פּאַלעסטינע, מאָסקווע 1930. — אַמעריקאַנער גליקן, מאָסקווע 1930. — די לאַגע פון די אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, נ. י. 1930. — פּאַלעסטינע אָן אַ פּרוכת, מינסק 1932. — פאַשיזם אין דייטשלאַנד, נ. י. 1933. — דער קעסל־גרוב פּוילן, נ. י. 1933. — פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע, נ. י. 1934. — פּאַלעסטינע און די קאָלאָניאַלע פראַגע (ענגליש), נ. י. 1936. — אידן אין ביראָ־בידזשאַן, נ. י. 1937. — אַ לייזונג פאַר פּאַלעסטינע (ענגליש), נ. י. 1939. — פאַרן זיג פון פאָלק, נ. י. 1944. — אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד (ענגליש, צוזאַמען מיט י. מ. בודיש), נ. י. 1948. — אידיש לעבן אין אַמעריקע (אידיש און ענגליש), נ. י. 1957. — אין דינסט פון פאָלק, נ. י. 1958. — אידן אין אַמעריקע (אידיש און ענגליש), נ. י. 1960. — ישראל, ציוניזם און אַמעריקאַנער אידן, נ. י. 1961. — אַמעריקאַנער אידן און די ראָל פון דער אידישער פּרעסע, נ. י. 1962. — אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד (אידיש און ענגליש), נ. י. 1965. — די ראָל פון אידן אין די נעגער־קאַמפן, נ. י. 1965. — די אידישע פּראָבלעם אין פּוילן (ענגליש), נ. י. 1969. — די נאַציאָנאַלע און אידישע פראַגע אין איצטיגן מאָמענט (אידיש און ענגליש), נ. י. 1970.

ביכער רעדאַקטירט פון פּ. נאָוויק

לואיס היימאַן: אויף די וועגן פון קאַמף, מיט פּאַרוואָרט וועגן די קאַמפן אין די נאָדל־יוניאָנס, 36 ז., ניו יאָרק 1929

מ. אָלגין: 1905, מיט פּאַרוואָרט וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905, נ. י. 1940

מ. אָלגין: אַמעריקע, מיט פּאַרוואָרט, נ. י. 1941

מ. אָלגין: סאָוועטן־פאַרבאַנד, מיט פּאַרוואָרט, נ. י. 1944

מ. אָלגין: קולטור און פאָלק, מיט אָפּהאַנדלונג וועגן אָלגינ'ען, 29 ז., נ. י. 1949

משה כץ בוך, מיט אָפּהאַנדלונג וועגן משה כצ'ן, 13 אַלבאָם־זייטן, נ. י. 1963.

ISBN:0-657-03912-8